STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11564

KVEKZILBER'S PENSHTIFEREYEN

Sem Liptsin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קוועקזילבער'ס
פענשטיפערײען

ניו יאָרק, 1944.
פאַרלאַג „אַמכאַ“

פרייז:
איין דאָלער

טייערער לייענער!

איך גיב ארוים דאס ביכל „קוועקזילבער'ס פענ־שטיפערייען" אין דער איצטיגער טראגישער צייט, ווי א ביישטייערונג פאר א פריילעכער מינוט אין אונזער טאג־טעגלעכן קאמף געגן נאציזם און אנטיסעמיטיזם — פאר א פרייער וועלט.

איך האלט, אז א פריילעך ווארט איז דער בעסטער געגן־גיפט צו פעסימיזם, א שפאס איז דער היפוך פון בייז־בלוט, גוטמוטיגקייט — שאפט אייניגקייט.

אויב דאס ביכל וועט אייך געבן א ביסל פרייד, וועט דאס אויך זיין א פרייד פאר מיר.

לאכט געזונט און זאל די וועלט מיט אייך מיטלאכן.

פאר פרייד און זיג,

סעם ליפצין (קוועקזילבער)

אינהאלט:

(מאַנאָלאָגן און מעשה'לעך)

אין דער בליץ־לאָמפּ ברענט (אַ מעשה'לע) — — — — — — 3
פּיש (אַ מאָנאָלאָג) — — — — — — — — — — — — — 10
קינדער זאָל מען האָבן (אַ מאָנאָלאָג) — — — — — — — — 13
אַ סיילינג אויף מיין קאָפּ (אַ מאָנאָלאָג) — — — — — — — — 16
אַלץ הייסט פּלעזשור (אַ מאָנאָלאָג) — — — — — — — — — 19
באַהיט זאָל מען ווערן (אַ מאָנאָלאָג) — — — — — — — — 21
אַ „לעבעדיגע" אלמנה (אַ פענשטיפעריי) — — — — — — — 24
אַ מלוכה פאַר זיך (אַ מאָנאָלאָג) — — — — — — — — — 27
מכות אַכצן און דרייצן (אַ מאָנאָלאָג) — — — — — — — — 29
ס'אַ ביטערע וועלט (אַ מאָנאָלאָג) — — — — — — — — — 32
געט'ס אים אַמעריקע! (אַ דרשה פון אַ רשע) — — — — — 34
אַ וועלט פאַר זיך (אַ מעשה'לע) — — — — — — — — — 36
האָ־וויצ־ערס (שפּאַסן, ווערטלעך, אַפּאָריזמען) — — — — — 38

פאַדערבלאַט געצייכנט פון זוני מאָוד

פאַרלאַג „אַמכאַ" — ניו יאָרק, 1944

ביכער און ביכלעך פון סעם ליפּצין (קוועקזילבער):

איך לאַך פון דער וועלט
אַ גוט-יאַנטעוו
לאָמיר זינגען
געקעמפּט און געלאַכט
לעבעדיג און לוסטיג
פאַר רויטע אוונטן
רויטע פעפערלעך
מיט געזאַנג אין קאַמף
אויף לייטיש געלעכטער
ניטגעדאַיגעט
קאַמפּלוסטיג
אַ פריילעכס
גוט-מאָרגן
קריג און זיג
צע-לאַכ-עם די טרערן

קוועקזילבער׳ס פענשטיפעריען

Queckzilbers Penshtiferaien

By SAM LIPTZIN

Copyright, 1944

NEW YORK, N. Y.

209

Printed in U.S.A.

SAM LIPTZIN, 35 East 12th Street, New York City

און דער בליץ־לאָמפּ ברענט...

(אַ מעשׂהילע)

דאָס שטעטעלע איז געווען אַ קליינס, אַ פינצטערס. דאָס גאַנצע שטעטעלע איז געלעגן אין אַ טאָל, עפּעס ווי עס וואָלט אַרונטערגעשווענקט געוואָרן פון אַ הויכן באַרג.

די פּאָר געוועלבן און מייסטעראַיעס זיינען געווען באַלויכטן פון חלב'נע ליכטלעך. די חורבה־שטיבלעך — מיט קינעלעך, אַזעלכע אָנגעשפּאַלטענע שטיקלעך האָלץ. מ'פלעגט דאָס אָנצינדן און אַריינשטעקן אין די שפּאַלטן פון די הילצערנע ווענט, וואָס אָנשטאָט געבן ליכט, האָבן זיי אָנגעפילט דאָס הויז מיט רויך...

בלויז אין בית־המדרש האָט מען פון פרייטאָג צו פרייטאָג אָנגעצונדן אַ גאַז־לעמפּל, וואָס האָט געברענט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען יאַנעק דער שבת־גוי איז געקומען און אויסגעלאָשן.

ווען מ'האָט אינעם שטעטל זיך דערוואוסט, אַז הערצל'ס זון, וועלכער איז געפאָרן אַרבעטן אין אַ גרויסער שטאָט, האָט זיך גאָר פאַרנומען צו לערנען, גיין אין גימנאַזיע, האָט מען די הערצל־פאַמיליע ווי אַריינגעוואָרפן אין חרם. די לייזונג אין זייער געוועלבל איז כמעט ווי אָפּגעשניטן געוואָרן.

אין אַלע הייזער, אויף אַלע פריזבעס האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן. די אומוויסנדיגע מאַנסבילן און פרויען האָבן געטייטלט מיט די פינגער אויף דער הערצל־פאַמיליע. די פּראָסטע יונגען האָבן געסטראַשעט מיט קלעפּ. הערשעלע דער בדחן האָט אויסגעפלאָכטן חוזק אין גראַמען און זיי אומעטום געזונגען.

אַלטער הערצל'ס איז געזעסן אין דער גרויסער שטאָט און געלערנט, געלערנט, און אַז אין שטעטל האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז אַלטער איז געוואָרן דאָקטאָר, און אַז מ'רופט אים שוין טאַקע „דאָקטאָר אַלטער זאַמקאָף", האָבן צוריק אויפגעלעבט די אַלע גערייִדערייען אויף די פריזבעס. פּליאָטקעס האָבן זיך געטראָגן ווי אַ וואַלד־פייער.

דער פורמאַן חיים־אַרע האָט דערציילט ווי ער האָט אַליין געזען דעם דאָקטאָר אין דער גרויסער שטאָט אין אַ קורצן רעקל מיט אַ שטעקל אין האַנט און אַז ער האָט געדויכערט אַ פּאַפּיראָס פרייטאָג, טאַקע שוין נאָך ליכט־בענטשן. און יאָשע דער קרומער האָט דערציילט, ווי אין דער גרויסער

שטאט האט מען אים דערציילט ווי אלטער דער דאקטאר שפאצירט נאר מיט „שיקסעס״ און עסט פליישיגס מיט מילכיגס, ניט טראכטנדיג אפילו פון א קוק צו טאן אויפן זייגער.

צום שטארקסטן האבן זיך ארום די פריזבעס געהערט די רייד פון באנדע דעם זנאכער, פייוול דער אפשפרעכער און מייטע די פיאווקע־שטעלערין.

— ס׳הייסט, — האבן זיי גע׳טענה׳ט, — ווען גאט וויל העלפן, דארף ער עס דורך א דאקטאר פון א „גומענאזי״ מיט א גלאנציגן קאזיראק?...

— פע, פע, פע! — פלעגט מייטע דריי מאל אויסשפייען.

אזוי זיינען זיך געגאנגען טעג און נעכט, די קינעלעך האבן געברענט, די ווייבער האבן געפליקט פעדערן און גערעדט, און גערעדט.

איינמאל אין א קאלטן ווינטער האט זיך א מגפה צעבושעוועט אין שטעטל. איניגע האבן דאס גערופן סקארלאטין, איניגע — א כאלערע, אנדערע — א פאקן־ און מאזלען־קללה.

באנדע דער זנאכער האט אפגעשפריצט מיט וואסער, פייוול האט אפ־געשפראכן עין־הרע׳ס און מייטע האט געשטעלט באנקעס מיט פיאווקעס...

גאר צופרידן פון דער מגפה זיינען געווען יויזקע קברן, נעכע די ליכט־פארקויפערין און איטשע דער תהלים־ און קדיש־זאגער...

איין פרימארגן האט זיך איבערן שטעטל צעטראגן די נייעס, אז דאקטאר אלטער זאמקאף איז געקומען אין שטעטל, און געקומען איז ער צו היילן די קראנקע.

א צוויטן פרימארגן האט מען שוין געוואוסט, אז אדעלע באשע־באשע׳ס האט ער אפגעראטעוועט פון טויט. ביי שלמה זונדל׳ס האט ער ארופגענומען א מכה פון קאפ ווי מיטן האנט. שרה די קלישאווע האט ער געשטעלט אויף די פיס. מיט איין ווארט, מ׳האט אויפגעהערט צו שטארבן אינעם שטעטל...

יויזקע קברן האט זיך אפילו געשווארן, אז ער ווייסט אויף געוויס, אז דער דאקטאר אלטער זאמקאף איז א מכשף און דער וואס וועט אים הרג׳ענען וועט זיין פטור פון חיבוט־הקבר...

נעכע האט זיך געשווארן ביי איר חלק עולם־הבא, אז זי האט אליין געזען דורכן פענצטער ביי דעם מכשף, ווי ער האט א גאנצע נאכט געמאכט בליצן און גערעדט מיט טויטע ביי א גרויסן פייער...

אזוי האבן זיך איין ביינאכט צוזאמענגעקליבן יויזקע קברן און די חברה־קדישה פונעם שטעטל אויף א בארג און ארונטערגעקוקט אין דאקטאר אלטער זאמקאפ׳ס שטוב. אויף מארגן האבן אלע געשווארן: זיי זאלן אזוי זוכה זיין צו זען אור־אור־אייניקלעך, ווי זיי האבן געזען אזא מורא׳דיג ליכט

ברענען, עפּעס אַזאַ לאָמפּ מיט בליצן, און דאָקטאָר אַלטער זאַמקאָף איז געזעסן מיט אַ שאַרבן פון אַ טויטן און געקוקט אינעם לאָמפּ אַריין.

די מעשיות און לעגענדעס האָבן זיך געוועבט אַלץ מער און מער און אַלץ ווייטער.

די קלוגע און פאַרשטענדיקע האָבן גענומען אַלץ מער קומען מיט זייערע קראַנקע צום דאָקטאָר. פון שטעטלעך און דערפער האָט מען גענומען רופן דעם דאָקטאָר צו ראַטעווען זייערע קינדער. מענטשן מיט געשפּאַנטע פערד און וואָגן האָבן געוואַרט אויף זיין הילף, אַוועקצופירן אַ רפואה קעגן דער מגפה.

נאָר יויזקע קברן האָט זיך געבראָכן די הענט און געשריען: „שלעכט!" „אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן!" — האָט נעבעך זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ. „ווי איז צו אונז, ווי איז צו אונז! מיר טאָרן אָבער ניט שווייגן," — האָט איטשע דער קדיש־זאָגער געקלאַפּט מיטן שטעקן. — „ער וויל אונז אַוועקנעמען דעם ביסן ברויט פון מויל... דער מכשף וויל אונז קוילענען אָן אַ מעסער..."

אויף די פּריזבעס האָט מען ווידער גערעדט, און גערעדט האָט מען שוין, אַז דאָקטאָר אַלטער זאַמקאָף טראַכט שוין גאָר פון אַזאַ קונצעלע: ניט נאָר ווי צו היילן קראַנקע, נאָר פּשוט אָפּשטעלן דעם טויט, הרג׳ענען דעם מלאך־המות, איינפירן אַן אייביק לעבן...

יויזקע קברן האָט געהייסן רייסן קברים... איטשע האָט געהייסן תהלים זאָגן... און נעבעך האָט געשריען: „פּאַטשן דאַרף מען אים, נאָר פּאַטשן! ס׳הייסט, אַוועקנעמען חיונה ביי אידן, אָפּרייסן אַ שטיק פונעם ברויט ביי אַן אָרעמער אַלמנה? — פּאַטשן דאַרף מען, פּאַטשן!"

אויפן שול־הויף האָבן אידן געשמועסט: יאָ, נו, טאַקע, וואָס וועט איצט זיין מיט שכר ועונש? מיט גיהנום און גן־עדן? און וואָס וועט ווערן פון לויתן, פון שור־הבר? אוים מיט חיבוט־הקבר! און וואָס וועט ווערן פון עולם־הבא? און וואָס וועט ווערן מיט חברה־קדישה? מיטן קברן? מיטן קדיש־זאָגער? מיטן מצבה־קריצער? מיטן אל־מלא מאַכער? מיט דער קנייטל־ציערין? מיט די יאָרצייט־ליכט? מיטן בית־עולם? און וואָס וועט טאָן דער מלאך־המות?

און דאָס ברויט פון באַנדע דעם זנאַכער, און פייוול דעם אָפּשפּרעכער און מייטע די פּיאַווקע־שטעלערין?

און וואו וועט מען זיך אַהינטאָן? אַ קליין שטעטל, ס׳איז אַזוי ענג? — האָט יונה טורבאַן דער שטעקל־דרייער זיך געקראַצט די מאָרדע. —

בלויז איין קעלבל שעכט מען אויף שבת, איין בעקעריי איז נאָר פאַראַן אויף טשאָלנט צו שטעלן, און די גאַנצע מזרח־וואַנט אין שול איז שוין פאַר־נומען ?... און דאָ וועלן אַזוי פיל מענטשן לעבן, לעבן ?...

האָבן זיך צוזאַמענגענומען יויזקע קברן, איטשע דער קדיש־זאָגער, פייוול דער אָפּשפּרעכער און אַלע וועלכע האָבן דערזען די געפאַר פון לעבן... מיט באַנומענע קולות האָט געשריען יונה טורבאַן, געשריען און געפּאָכעט מיטן שטעקל: — „גאָט האָט געגעבן קרענק, מוז מען קרענקען! גאָט האָט געגעבן טויט, מוז מען שטאַרבן!״

מיט רידלען, לאָפּעטעס און שטיינער זיינען זיי אין אַ ביינאַכט באַפאַלן די העל־באַלויכטענע היים פון דאָקטאָר זאַמקאָף. „אָט־אָ־דאָ ליגט דער כישוף, — האָט יויזקע קברן אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן בליץ־לאָמפּ. — יהי חושך! פינצטער זאָל זיין!״ — האָט ער אַ געשריי געטאָן און אַ וואָרף געטאָן אַ גרויסן שטיין גלייך אין לאָמפּ אַריין.

אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט די חברה. זיי האָבן גענומען טאַנצן אין גאַס. נעבעך האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט: „מ׳וועט שוין שטאַרבן! מ׳וועט שוין שטאַרבן!...״

— —

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען ווידער גערעדט אויף די פּריזבעס: דאָקטאָר זאַמקאָף האָט מיליאָנען לעבנס אין זיך. ער היילט קראַנקע, און מ׳קומט צו אים ווי פריער, און דער כישוף־לאָמפּ ברענט שוין ווידער גאַנצע נעכט, ניטאָ שוין מער קיין טויט פאַר דער שטענדיגער ליכט. דער כישוף־לאָמפּ האָט שוין אַן אייביג לעבן!...

— —

דאָקטאָר אַלטער זאַמקאָף האָט ניט געטראָגן קיין כעס אויף די אומ־וויסנדיגע אין שטעטל. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זיי שרעקן זיך אַזוי פאַרן ליכט פונעם לאָמפּ, פאַרוואָס זיי אַלע קוקן אויף אים ווי אויף אַ שונא — ס׳איז די אומוויסנהייט און נויט. ס׳איז זייער לעבן אַלע יאָרן אין דער פינצטערניש...

דאָקטאָר זאַמקאָף האָט גענומען זוכן מיטלען ווי אַרויסצוהויבן די גע־פאַלענע פונעם אָפּגרונט. ער האָט צוזאַמענגענומען די אַלע יונגע, וועמען ער האָט געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, און צוזאַמען מיט זיי — זייערע טאַטעס און מאַמעס, וועלכע האָבן זיך געוואָלט צוהערן צו זיינע רייד, און ער האָט גענומען לערנען מיט זיי — ניט נאָר ווי צו היילן אַ קראַנקהייט, נאָר — ווי אַ קראַנקהייט צו פאַרמיידן.

— הערט, קינדער, — האָט דאָקטאָר זאַמקאָף פּרובירט זיי אויפקלערן, — שפּייט ניט אויפן דיל, ווייל דורכן שפּייען פאַרשפּרייט איר אייערע באַצילן, וואָס וועלן אָנשטעקן אַנדערע קינדער מיט די זעלביגע קראַנקהייטן.

אויף מאָרגן האָבן שוין די אומוויסנדיגע גערעדט אויף אַלע פּריזבעס, אייניגע מיט בייז און אַנדערע מיט חוזק:

— וואָס זאָגט איר ניט אויף דעם משוגענעם מכשף? — האָט פּייוול דער אָפּשפּרעכער זיך געקייקלט פון געלעכטער.

מייטע האָט זיך געקאָכט ביז בייז בלוט:

— וואָס זאָגט איר ניט אויף דעם טיראַן? ער וויל שוין גאָר פאַרווערן אַ מענטשן אַ שפּיי צו טאָן? טפו, טפו, טפו! — האָט זי דריי מאָל אויסגעשפּיגן, — צו זיין קאָפּ, צו זיין לייב און לעבן!

— ווי געפעלט דאָס אייך? — האָט יונה טורבאַן זיך געקראַצט אינעם קאָפּ. — היינט וועט ער זאָגן מ׳טאָר ניט שפּייען, מאָרגן — מ׳טאָר ניט ניסן, משוגע מיינע שונאים!

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען שוין אויפן שול-הויף זיך געקאָכט און יונה טורבאַן העכער פון אַלע:

— איך האָב אייך געזאָגט, דער מכשף וועט ניט לאָזן ניסן... הערט אַן איינפאַל — ניסן נאָר אין נאָז-טיכל...

יויזקע קברן האָט סאַרקאַסטיש געלאַכט:

— כ׳האָב בירושה אַ נאָז-טיכל פונעם זיידן, וויל ער איך זאָל ניסן אין איר... אַלע חלומות צו זיין קאָפּ!

יויזקע האָט צעעפנט די טאַבאַק-פּושקע און גענומען אויסטיילן אַלעמען אַ שמעק-טאַבאַק אונטערן נאָז:

— נעמט אידן, שמעק-טאַבאַק, ניסט... ווייזט דעם מכשף, אַז פון ניסן שטאַרבט מען ניט... האַפּטשו—האַפּטשו—האַפּטשו — גענאָסן פאַרן אמת...

ווען דאָקטאָר זאַמקאָף האָט געלאָזט וויסן דורך זיינע פריינט, ווי נייטיג ס׳איז זיך צו וואַשן, באָדן און ריין-האַלטן דעם קערפּער, האָט מאַטקע דער בעדער און גיטל די טוקערקע גענומען זאָגן אַ גוט וואָרט פאַרן דאָקטאָר זאַמקאָף. דערפאַר האָבן זיי שוין אויף מאָרגן געפונען פאַרשטאָפּט מיט זאַמד און שטיינער די רינע אין באָד, די פענצטער צעבראָכן און דעם ברונעם וואַסער מיט ליים אויסגעמישט.

איין פרימאָרגן איז צעטראָגן געוואָרן די נייעס ביי טיר און טויער, אַז דאָקטאָר זאַמקאָף האָט באַשטעלט צוועלף לאַמטערנעס, וואָס וועלן באַלייכטן די הויפּט-גאַס אינעם שטעטל, און מ׳זאָגט, אַז יויזקע קברן וועט זיי אַלע

אוונט אנצינדן און אלע אינדערפרי אויסלעשן. ער וועט קריגן דערפאר געצאלט פונעם דאקטאר צוועלף רובל א חודש.

— ס׳קאן ניט זיין! — איז מייטע גרייט געווען אויסצרייסן די אויגן יעדן איינעם, וואס האט דאס געזאגט. — יויזקע קברן וועט ניט זינדיגן געגן גאט. ווען גאט מאכט פינצטער — דארף זיין פינצטער, און אז גאט וויל ליכט — ווערט ליכט...

ווען מייטע האט דערזען דעם ערשטן אוונט, ווי יויזקע טראגט דאס לייטערל מיטן צינד־האלץ, האט זי זיך גענומען רייסן די האר פונעם קאפ:

— אידישע קינדער! אין יויזקע קברן איז אריין א ניט־גוטער... ער וועט שוין מיט זיין טויט ניט שטארבן...

אויף מיילן ווייט האט זיך געטראגן די נייעס פונעם גרויסן דאקטאר זאמקאף. דערציילט האט מען, אז זיין גאנצע צייט גיט ער אוועק צו ראטעווען די ארעמע און ער גיט זיי נאך פרייע מעדיצינען.

דאס שטעטל איז געוואקסן, האט דאקטאר זאמקאף גענומען טראכטן פון אויסבויען א שפיטאל — א שפיטאל, וואו מ׳זאל פרובירן אלעמען העלפן, אלעמען היילן.

ווען די ערשטע צוויי עטאזשן זיינען אויפגעבויט געווארן, זיינען מיט דעם אויפגעבויט געווארן צענדליגער עטאזשן מיט מעשיות און לעגענדעס. יונה טורבאן האט געטייטלט מיטן שטעקל:

— איר זעט, א נייער טורעם צו גאט, וואס וועט ברענגען א נייעם דור־הפלגה... דער מכשף וויל ארויפקריכן אויפן הימל און אראפוואַרפן גאט...

דא האט שוין אויך ר׳ זעלמעלע גענומען א ווארט: „מ׳מוז דעם מכשף אריינווארפן אין חרם.״ באנדע דער זנאכער איז געלאפן צום פאפ, צום קשאנדזש, צום סטראזשניק.

דער פאפ האט באשלאסן, אז דער שפיטאל טאר ניט זיין העכער ווי די צערקווע, און דער קשאנדזש האט באשלאסן, אז דער שפיטאל טאר ניט זיין ברייטער ווי דער קלויסטער ,און דער סטראזשניק — איז ארומגעגאנגען מיט ביידע הענט אויף הינטן...

ווען דער שפיטאל איז פארטיג געווארן, איז דאס גאנצע שטעטל געלאפן אויפן בייז־וואונדער. און איינס פון די וואונדער איז געווען, ווי אזוי מייטע די פיאווקע־שטעלערין האט שלום געמאכט מיטן געדאנק. זי האט אנגעטאן א ווייסן, ריינעם פארטוך צו העלפן באדינען די קראנקע. זי האט אלעמען אריינגעשושקעט אין אויער, אז דאקטאר זאמקאף צאלט איר צוועלף רובל א חודש און וועט איר מאכן א נײַ קלייד אויף שבת...

צוועלף רובל, צוועלף רובל, צוועלף רובל, און עסן, און שיך און קליידער, און א היים צו שלאָפן... ניט מעגלעך, ניט מעגלעך, ניט מעגלעך...

אויף אַלע פּריזבעס האָט מען גערעדט, אויף אַלע פּריזבעס גע׳טענה׳ט, מ׳האָט געציילט און גערעכנט — עס וועט ניט אויסהאַלטן, ניט אויסהאַלטן, ניט אויסהאַלטן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טעג זיינען געגאַנגען, וואָכן האָבן זיך גערוקט, און יאָרן זיינען געפאָרן. דאָס שטעטעלע איז געוואָרן אַ שטאָט. די קראַנקע זיינען געוואָרן געזונט. אויף אַלע גאַסן און געסעלעך ברענען לאָמפּן. ס׳איז ליכטיג. ליכטיג און וואַרעם...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די מאַמעס דערציילן איצט מעשה׳לעך די קינדער, אַז ווען יוויזקע סבֿרן האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער צונויפגערופן זיינע קינדער און זיי געזאָגט:

— גיט אַכטונג, קינדערלעך, שטענדיג זאָלן ברענען די לאָמפּן, דר. זאַמקאָפּ׳ס לאָמפּן. דאָס וועט זיין אַ נר תמיד פאַר מיין נשמה...

פיש...

(אַ מאָנאָלאָג)

— איר זאָלט מיר אַנטשולדיגן. ווען איך עס, פיר איך ניט קיין דיס־קוסיעס. איך האָב מיר שוין מיין דערפאַרונג. ווען איך עס — עס איך.

איר פאַרשטייט? באַטלאָנווען, באַרעדן, שפּילן קאָרטן, זיך קריגן — איז גוט בציבור, אָבער ווען איך עס — וויל איך עסן.

איך וועל אייך ניט ענטפערן אַ וואָרט, ווען איר זאָלט רעדן פון היינט ביז מאָרגן. און מיינט ניט, אַז אַ וואָרט איז ביי מיר מיט גאָלד צוגלייך. און אויב איר דענקט, אַז איך האָב אייך ניט וואָס צו ענטפערן, מאַכט איר אַ טעות. נאָר איך האָב איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן, אַז איך קאָן ניט טאָן צוויי מלאכות מיטאַמאָל. ווען מ׳רעדט — רעדט מען, ווען ס׳קומט צום עסן — וויל איך עסן.

איינגנטלעך האַלט איך שוין פון דעם מנהג אַלע מיינע יאָרן. איך גיי שטענדיג עסן ווען אַלע האָבן שוין אָפּגעגעסן. און קום איך אַריין אין רעסטאָראַן, זוך איך מיר אָפּ אַ טישל ערגעץ אין אַ ווינקל, זעץ מיך אַוועק, ווי איך וואָלט זיין איין מענטש אויף דער וועלט, און — עס, ווייל אויב עסן — איז עסן!

איבערהויפּט, פאַרשטייט איר מיך, האָב איך ליב צו עסן אַליין, ווען איך עס פיש. פאַר אַ שטיקל פיש, וועל איך אייך אַוועקגעבן הימל און ערד, און אויב דאָס איז נאָך אַ שטיקל העכט, קאָנט איר ביי מיר קריגן מיין חלק עולם־הבא, דעם שטול אין גן־עדן. און אַז איר שפּאַרט זיך איין ביי מיר, קאָנט איר אַרויסקריגן די גאַנצע יענע וועלט, אַ חוץ דעם לויתן...

איז אָט אַזוי ווי איר זעט, ליגט ביי מיר דער העכט און שווייגט ווי אַ פיש, און איך — אַזוי ווי ער... ווען איך עס — עס איך.

אַנומלטן גיי איך מיר אַזוי אַריין אין רעסטאָראַן, קוק דורך אַלע טעפּלעך און פענדלעך, און צום סוף באַמערק איך ווי די קעכין גיט אַזוי אַ שטעל אַוועק אַ טאַץ מיט פרישינקע, הייסע העכטלעך. די פאַרע האָט נאָך געשלאָגן ביי דעם פיש פון מויל, ווי ער וואָלט איצט אַרויס פון וואַסער אויף דער יבשה.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב אַ נעם געטאָן דעם קאָפּ פונעם העכטל, אָפּגעזוכט אַ ווינקל און ווי שטענדיג זיך אַוועקגעזעצט ביחידות. נאָר, אָט גיב איך אַ דריי אויס דעם קאָפּ צו נעמען דאָס ביסל בריין — אַ, אַ, לחיים אידן, מאָטל סערענודע איז דאָ.

אז מאָטל האָט צוריקגעצויגן זיין צעפּאַרעטע האַנט מיטן שלום־עליכם, האָט ער אָפּגעדלובעט אַ שטיק ווייסע ברויט פון דעם פּענעץ וואָס איז געלעגן ביי מיר אויפן טעלער, גענומען קייקלען קייקעלעך און דערביי אויסגעדריקט פרייד, וואָס ער האָט מיך געטראָפן.

— איך וואָלט, — זאָגט ער, — גיכער דערוואַרט צו טרעפן מיין עלטער־זיידן פון יענער וועלט, ווי דיך טרעפן אין אַ רעסטאָראַן.

הכלל, מאָטל סערענודע האָט גענומען רעדן, דערציילן, שטעלן פראַגעס — און טאַקע צו מיר אין מיטן עסן.

איך זאָג אייך בפירוש, אז איך ווינטש דאָס נאָר אַ היטלער׳ן, ער זאָל עסן פיש, האַלטן אַ פולן מויל מיט ביינדלעך און דאַרפן ענטפערן אַ מאָטל סערענודע.

זעט, איר האָט שוין אַמאָל געהאַט אַ פיש־ביינדל אין גומען, אַ צווייטן צווישן די ציין, און מיט אַ דריטן זאָלט איר זיך ווערגן, און — הערן ווי מאָטל סערענודע שרייט:

— וואָס זאָגסטו?

און דאָס מאָל האָט ער עפּעס אויסגעקליבן ספּעציעל טשיקאַווע פראַגן! און אַז איך האָב אים אַזוי גיך ניט געקאָנט ענטפערן, מחמת דאָס ביינדל האָט מיר געשטאָכן אין גומען, האָט ער מיט טריאומף אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— אַה, אַ, — האָט ער זיך צעלאַכט, — דער פיש האָט אָנגענומען אַ פולן מויל מיט וואַסער... אַנו, ענטפער אַ וואָרט?!

און ווי גיך איך האָב אַריינגענומען אַ ביסן האַרטע ברויט אין מויל בייצוקומען דאָס ביינדל, וואָס האָט געמאַכט אַן „אויפשטאַנד" אין גומען... — האָט ער מיר פאַרפאָרן אַ צווייטע פראַגע:

— וואָס דענקסטו, — פרעגט ער, — וואָלט מען באַדאַרפט טאָן, ווען מ׳פאַקט היטלערקע׳ן אַ לעבעדיגן?

דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן, וואָרים דאָס פיש־ביינדל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צווישן די ציינער און געשטאָכן דעם צונג האָט מיך מער פאַראינטעריגירט ווי זיין פראַגע.

מאָטל סערענודע האָט ווידער געהאַט אַ זיג איבער מיר און מיר פאַר־פאָרן מיט אַ נייער פראַגע:

— ווי דענקסטו, מ׳וועט זיך נאָך אַמאָל דערטראַכטן צו אַ פּעטענט, אַז סאָבמאַרינס זאָלן קאָנען פליען ווי עראָפּלאַנען?

געוואָלט האָב איך אים זאָגן: אָקס, בהמה, פערד, וואָס דרייסטו מיר

א קאפּטור? איך האָב פאַר זיך א פיש, א העכט, מיט ביינדלעך פון אַלע זייטן, פאַרוואָס לאָזטו א מענטשן ניט עסן? איך האָב ליב, אַז ווען איך עס פיש — זאָל איך עסן.

עס איז אָבער גוט צו רעדן און צו זאָגן, ווען דו וואָרגסט זיך ניט מיט דער זשעברע פונעם פיש־קאָפּ. איך האָב זיך אָבער געוואָרגן, אַזוי געוואָרגן, אַז מיינע אויגן האָבן שוין אויסגעקוקט אַזוי ווי די אויגן פון מיין העכט...

מיינע אויערן האָבן נאָך אַלץ געהערט פראַגן. פראַגן, מיינונגען און חוזק... פון א מענטשן, וואָס קאָן ניט ענטפערן אויף קיין פראַגן!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — צו גוט האָב איך ניט אָפּגעשניטן. מיין פיש־קאָפּ איז געבליבן אויפן טיש און מיך האָט מען צוגענומען אין שפּיטאָל.

דער איינציגער וועג ווי איך האָב זיך מיט מאָטל סערענודע אָפּגערעכנט איז געווען, ווען ער איז מיך געקומען באַזוכן אין שפּיטאָל, האָב איך געבעטן דעם דאָקטאָר מ׳זאָל אים אונטערזוכן, ס׳הייסט זיין פאַרשטאַנד.

פון דאַן אָן איז ביי מיר א מנהג — וואָס רעד איך א מנהג — א געזעץ, א שטרענגער געזעץ: ווען איך עס — עס איך!

איך זאָג אייך, אַז איך וועל אייך א וואָרט ניט ענטפערן, איר וועט מיר ניט פאַררעדן די ציין... איך בין געקומען עסן, בין איך. און אַז איך קום עסן — איז עסן.

איך בעט אייך, זייט ניט קיין מאָטל סערענודע. אימירצעשעם, אַז מיר׳ן האָבן היטלער׳ן אין שטייג, וועלן מיר אים געבן עסן דריי מאָל א טאָג העכט, קאַרפּ און יאַזשן, און אַלע מאָטל סערענודעס וועלן זיצן אַרום טיש, קאָנען האָבן מיט אים אַן אינטערוויו, שטעלן פראַגן און מאָנען ענטפערס.

אָבער מיר, וואָס האָט איר צו מיר? לאָזט מיך רואיג אָפּעסן! ביי מיר, אַז איך עס — עס איך! איך וועל אייך א וואָרט ניט ענטפערן! איך שווייג ווי דער פיש... אי, ס׳איז מיר אריין א ביין אין האַלז!... — — —

קינדער זאָל מען האָבן

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידן אין לעיקוואוד)

איר מעגט זיך ווינטשן צו פאַרמאָגן טויזנטער, מיליאָנען. איך — איך ווינטש זיך, מיינע קינדער און אייניקלעך — צו האָבן קינדער.

פאַראַן מענטשן, וואָס וועלן זיך שטענדיג באַקלאָגן אויף קינדער. ס׳איז זיי שווער דאָס טראָגן און דאָס האָבן. איך, זעט איר, האָב, אַ לויב צו גאָט, צען קינדער, און איך באַקלאָג זיך ניט. פאַרקערט, איך פיל זיך גליקלעך. און וואָלט מיר מיין שרה־גיטל ניט אָפּגעשטאָרבן אינמיטן דערינען, וואָלט איך נאָך איצט געהאַט אַ בן־זקונים... גלויבט מיר, ס׳איז אַ גוטער אינוועסט־מענט. ס׳איז בעסער ווי אַ גראָסערי, אַ קענדי־סטאָר, צו יעדער צייט.

פאַראַן טאַטעס, רייכע טאַטעס, וואָס האָבן אַלע יאָרן געשטרעבט צו איין זאַך — ווערן רייך. אַ סך ריעל־עסטעיט, ביזנעס, קויפן, פאַרקויפן, און די קינדער האָט מען געלאָזט וואַקסן ווי ווילד־גראָז.

אַז די קינדער זיינען עלטער געוואָרן, האָט דער טאַטע גענומען זאָרגן: איין זון באַדאַרף ער געבן געלט אויף אַ גט; אַ צווייטן — אָפּראַטעווען פון באַנקראָט; דער טאָכטער — אַ גרויסן נדן; דאָס מיזיניקל — ראַטעווען פון אַ געמבלינג־רעקעט. און אַלע קינדער צוזאַמען וואַרטן אויפן טאַטנ׳ס טויט ווי אַ טרוקן פעלד אויף רעגן... און אַז דער טאַטע מאַכט צו די אויגן, דאַן ווערן גרויס די אויגן ביי די קינדער. איינער וויל דעם טאַטנ׳ס זייגער, אַ צווייטער — דעם טאַטנ׳ס שפּילקע, אַ דריטער — דעם טאַטנ׳ס הויז, — מיט איין וואָרט, מ׳רייסט זיך איבערן טאַטן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, ווי הינט איבער אַ פּאַדלע... דערנאָך הויבן זיך ערשט אָן פּראָצעסן מיט קלאַגעס און געגנ־קלאַגעס, מיט לאָיערס און דריידלעך, און אַלץ דרייט זיך אַרום איין זאַך — דעם טאַטנ׳ס ירושה...

די קינדער ווערן איינע די אַנדערע דם־שונאים. וואָס מיר שוועסטער, ברודער! — ס׳איז הימל, ערד און ירושה. חיים זאָגט: משה האָט דעם זייגער, זאָל ער זאָגן קדיש. און משה זאָגט: יאַנקל האָט דעם באַנק־ביכל, זאָל ער שטעלן אַ שטיין. און די טאָכטער זאָגט: ווער עס וואוינט אין הויז, זאָל גיין וויינען אויפן קבר... איך זאָג אייך, ווען איך בין אויף יענעם טאַטנ׳ס פּלאַץ, וואָלט איך זיך באַגראָבן אַ לעבעדיגער...

מיר איז אָבער גוט. איך האָב געלערנט מיינע קינדער צו זיין מענטשן,

איז צווישן אלע זאכן האבן זיי זיך שוין אויך אויסגעלערנט ווי צו האלטן כבוד־אב.

איר וואלט געמעגט זען, ווי מיינע קינדערלעך, זאלן געזונט און שטארק זיין, זארגן פאר זייער טאטן... „טאטע, — זאגט מיר מיין טעכטערל, — איך דענק, אז ביי הערי׳ן וועט דיר זיין בעסער ווי ביי מיר. דאס קליינס וויינט גאנצענע נעכט און דו וועסט ניט קאנען צומאכן אן אויג. און הערי גיט א קניטש דעם שטערן: „פא, איך דענק, אז ביי פלארענס׳ן וועסטו זיך פילן ווי אין דער היים. פלארענס קאכט דאך טאקע נאר ווי די מאמע, א ליכטיגן גן־עדן זאל זי האבן.״ און פלארענס מיט מיין איידעם גיבן זיך באלד א בארעכן, אז ביי סאלקע׳ן וועט זיין פאר מיר פיל געזינטער, ווייל דער ליידיגער צימער האט צוויי פענצטער און דאס הויז איז קעגנאיבער דעם פארק, ניט ווייט פון א מואווי־טעאטער.

גאר צולעצט קומען זיך צוזאמען אלע קינדער און באשליסן, אז דער טאטע דארף רוען. געגנוג געווען א ניאנקע ביי די קינדער. דער טאטע דארף פארן זומער אין די מאונטענס און ווינטער — אין לעיקוואוד.

וואס זאל איך אייך זאגן ? — אן שום קונצן „טשיפן״ זיי אלע אריין זייער חלק און מ׳שיקט דעם טאטן אין קאונטרי, צוועלף חדשים אין יאר, ווי צוועלף ציפער אויפן זייגער, און — אויב ס׳איז אן עיבור־יאר — איז דאס דרייצן.

און איר מיינט, גלאט שיקן ? — איין זון פירט מיך צו מיט זיין לימוזין, א צווייטער — שיקט וואלענע וועש, א דריטער — קאלאשן. די טאכטער שטופט אונטער אויף א פינאקל. און אז איך זאג אמאל צו מיין מוזיניקל: נו, און וואס וועט זיין מיט קדיש־זאגן ? זאגט ער מיר: „פא, ניט געזארגט, מיר לאזן דיך ניט פאלן אויף דער וועלט און — מיר׳ן דיך אטענדן... קיין זאך איז פאר אונז ניט שווער. וואס איז, מיר האבן עפעס צען טאטעס ?״

איך האב זיך אנומלטן צוגעכאפט אין שטאט אריין. אן איינעקל האט מיר עפעס ניט געפילט זיך אזוי גוט. וואס זאל איך אייך זאגן ? — ווי נאר איך בין אריין אין הויז, זאגט מיר די טאכטער: „טאטע, פאר גלייך היינט צוריק. דאס קינד האט „הופינג־קאף״, און מער פעלט מיר ניט, דו זאלסט דאס אויך „קעטשן״. דער איידעם האט מיר גלייך צוגעפירט צום באס, גע־קויפט א טיקעט, אריינגערוקט מיר א פעקל סיגארעטס און גלייך מיר אפ־געשיקט צוריק אין לעיקוואוד.

איר קוקט אויף מיינע שיך — ווייסט איר, אז מיין זון האט פאר דעם באצאלט 14 דאלער ? און געטראגן האט ער עס אפשר צען מאל. „נאדיר,

— זאָגט ער, טאַטע. פאַר דיינע „קאָרנס״ וועט זייער גוט זיין אויסגעטראָגענע שיך. זיי וועלן דיר ניט ברענען די פיס...״

דעם סוטעלע זעט איר? — אויסגעפּרעסט מיט א קנאַק, א קנייטשעלע אויף די הויזן, ווי א טעלעגראַף־דראַט. זאָל איך אים אזוי טראָגן געזונט, ווי מיין זון האָט באַצאָלט 97 דאָלער אין א סעיל. איר זעט דעם לעיבל, וועמענס דאָס איז? — ער האָט אים ארונטערגענומען פון הענגער. „פּאַפּאַ, — זאָגט ער, — אויף מיר איז ער שמאָל, אָבער אויף דיר וועט ער זיין ווי אָנגעמאָסטן. נאַ, פּאַ, טראָג אים געזונט!״ און די נעקטאַי, מיינט איר. איז א וואָלוועלע? — ס׳איז דאָך גאָלע זייד.

ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך באַזאָרגט, אז מיינע קינדער זאָלן זיך נאָך מיין טויט ניט דאַרפן רייסן איבער ירושה, און ביים לעבן, זעט איר דאָך, א לויב צו גאָט, — זיי באַזאָרגן מיך מיט אַלץ.

די איינציגע זאַך, וואָס די קינדער קאָנען מיר ניט פאַרזאָרגן, איז א שידוך. זיי וואָלט גראָדע דאָס ניט געאַרט. די טאָכטער מיינע זאָגט אָפּט אין א בריוול צו מיר: „טאַטע, פאַרוואָס זוכסטו זיך עפּעס ניט אויס אין לעיקוואוד א רייכע אַלמנה? א מאַן, — שרייבט זי, — איז דאָך איצט אין מלחמה־צייט אַן אבן־טוב, ווי למשל — געזאָלין אָדער ראָבער. און פאַר א פרוי, פּאַפּאַ, דאַרף מען ניט קיין „רעישאַנינג פּאָינטס״...

דעם אמת געזאָגט, איז מיין טאָכטער טאַקע גערעכט. אָבער, איר וועט מיר גלויבן צי ניט, איך בין שוין א איד באַלד אין די קיילעכדיגע יאָרן, נאָר — ווי עס קומט צורייד פון אזעלכענע זאַכן, בין איך, ניט פאַר קיין מאַן געדאַכט — א שעמעוודיגער...

אזוי, אזוי, איר זייט אַן אַלמנה, נאָר אָן קינדער, זאָג איך איך, ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט — קינדער זאָל מען האָבן!...

אַ „סילינג״ אויף מיין קאָפּ

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ לענדלאָרד)

מיין נאָמען איז מיסטער לעקאַך, נאָר מיינט ניט, אַז ס'איז מיר אַזוי זיס. מיינע און אייערע שונאים זאָלן זיין לענדלאָרדס און האָבן אַ „סילינג״ אויפן קאָפּ — אויף מיינע טענענטס געזאָגט געוואָרן מיינע צרות...

היינטיגע ציטן זיין אַ לענדלאָרד איז, איר זאָלט מיר אַנטשולדיגן, ווי זיצן אין אַ מואווי און ס'איז, דאַכט זיך, פינצטער, — נאָר מיט אַמאָל דערזעט איר אַ בילד־שיינע מיידל מיט נאַקעטע פיסלעך. דאָס האַרץ גיט אייך אַ שפּרונג ווי אַ קאַובאָי אויפן פערד. אינמיטן דערינען כאַפּט איר זיך: דאָס מיידל איז אויפן לייוונט און איר — איר זיצט די דרייסיגסטע ריי מיט צוויי גראָבע מענטשן ביי די זייטן... אָט אין אַזאַ לאַגע געפינט זיך היינט אַ לענדלאָרד.

ווי נאָר איך גיב אַ קלאַפּ אין טיר פאַר רענט, גיט מען מיר גלייך אַ קלאַפּ ווי מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ: „מיסטער לעקאַך, וואָס הערט זיך מיט פּעינטן די רומס?״

און וויפיל איך זאָל זיי ניט דערקלערן, אַז ס'איז מלחמה, מ'דאַרף די „פּעינט״ פאַר שיפן, פאַר באַראַקן, — לאַכן זיי פון מיר ווי אמת'ע סאַבאָ־טאַזשניקעס און שיטן מיר נאָך זאַלץ אויף די וואונדן: „נו, און פאַר דער מלחמה האָט איר געפּעינט? אייערע רומס ווייסן אַזוי פון פּעינט, ווי אַ חזיר פון פּאודער.״ נו, וואָס זאָגט איר ניט אויף זיי?

און איר מיינט, אַז נאָר מיט פּעינטן דערגייט מען מיר די יאָרן? — „מיסטער לעקאַך, סטים!״, „מיסטער לעקאַך, הייסע וואַסער!״, „מיסטער לעקאַך, ס'האָט געבאָסטעט אַ פּאַיפּ!״ זאָלן זיי נאָר צעבאָסטעט און צעזעצט ווערן.

אַנומלטן, איך קום מיר פון אַ קאָרד־פּאַרטי, אַרום 2 אַזייגער פּאַרטאָג, און ווי נאָר איך מאַך צו די אויגן, חלומ'ט זיך מיר, אַז מ'מעג שוין העכערן די רענט, און אַלע טענענטס שטייען אין לאַין ביי מיר אין הויז. איך דאַרף מער ניט קלאַפּן אין די טירן, זיי טראָגן מיר די רענט מיטן רעזן און בעטן זיך נאָך ביי מיר: „מיסטער לעקאַך, אַ זיס לעב זאָלט איר האָבן! נעמט די רענט, וואָרים איך האָב קיין צייט ניט, איך האָב באַשטעלט פּעינטערס, זיי זאָלן מיר אויספּעינטן מיינע רומס.״

אין מיטן די רייד, ס׳הייסט אינמיטן חלום, — אז עס נעמט פויקן אין די פּאַיפּס אַ קלאַנג — ווי די שטאָט וואָלט געברענט. פאַרשטייט איר דאָך, אז מ׳איז ניט מער ווי אַ מענטש, האָב איך ניט אַנדערש געדענקט ווי — אַ בראָך אויף היטלערקע׳ן, — ער האָט זיך שוין אויך גענומען צו מיינע הייזער... טו איך, ווי דער וואָרדן האָט מיר אָנגעזאָגט: איך כאַפּ אַרויף מיינע פּאַדזשאַמעס און לויף אַרויף אויפן דריטן פלאָר צו דער מיסעס פעדער.

נו, דאַרף איך וויסן, אַז איר מאַן אַרבעט ביינאַכט און איז ניטאָ אין דער היים? מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגן — איך האָב געקראָגן אַטאַקעס אויף אַלע פּראָנטן. איינע האָט געשריען: „מיסטער לעקאָך איז געוואָרן אַ נאַיט־וואַטשמאַן." אַ צווייטע האָט געשריען: „מיסטער לעקאָך זוכט נאַכט־אַרבעט..." דער סוף איז געווען, אַז ס׳האָט זיך אַרויפגעכאַפּט די מיסעס פיין מיט איר „קאַטיושאַ" און גענומען שיסן: „מיסטער לעקאָכ׳ן זאָל אַזוי וואַרפן אַ צאָן אָן אַ צאָן ווי מיין מאַן. מיין מאַן ליגט מיט אַ גריפּ אין הויז איז קאַלט ווי אין אַן אייז־באָקס, און אַז איך קלאַפּ אים אָן אין פּאַיפּ, ער זאָל געבן אַ ביסל סטים, איז ער גאָר אין הויז ניטאָ; קריכט אַרום אין פּרעמדע הייזער... גיין זאָל ער שוין איבער די הייזער נאָך פּענים..."

און איר מיינט, אַז דאָס איז גאָר? — נישטאָ דער טאָג, אַז ביי איינעם זאָל ניט פעלן אַ שליסל, ביי אַ צווייטן אַ „בעל", ביי אַ דריטן וואַסער און כמעט ביי אַלעמען — רענט...

ס׳הייסט, זיי צאָלן רענט — אַ ברירה האָבן זיי, — אָבער קיינמאָל ניט דעם ערשטן. ווען איך זאָל צו זיי ניט אַריינקומען, הער איך איין וואָרט: „שוין, שוין ווידער דער ערשטער?" כאַטש נעם און קויף זיי קאַלענדאַרן און קום צו זיי אַלע טאָג אָראָפּרייסן די בלעטלעך...

אָבער דאָס איז נאָך ניט דאָר ערגסטע. מילא שליסלען, פענצטער, פּעינט, פּאַיפּס, קוילן האָט אַ שייכות מיט מלחמה, אָבער וואָס האָט צו טאָן ניט טאָרן העכערן רענט — מיט מלחמה? וואָס האָט מען מיר אַרויפגעלייגט אַ „סילינג" אויף מיין קאָפּ?...

איר האָט דען אַ באַגריף, וואָס דאָס מיינט — האָבן 48 אַפּאַרטמענטס און ניט קאָנען העכערן כאָטש אַ דריי̆ערל אויף אַ רום און דערצו נאָך ניט קאָנען אַרויסשטעלן? איך זאָג אייך: דאָס איז ערגער ווי סאַבאָטאַזש.

איר וואָלט אויף טשיקאַוועס געמעגט מיט מיר אַמאָל מיטגיין איבער די הייזער. ווען איר הערט זייער חוצפה, וואָלט איר געהאַט וואָס צו שרייבן. אַנומלטן קלאַפּ איך אָן אין דער טיר ביי די גרינס. — היינט, זאָג איך, איז שוין דער דריטער. וואָס הערט זיך מיט רענט?

— רענט? — זאָגט ער, — רעדט צום סילינג.

איך גיב אַ קוק — אַ האַלבער סילינג האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן, און דער צווייטער האַלבער — הענגט ווי אַ העמאָק...

פאַרליר איך זיך ניט און זאָג אים: „איר האָט געוואָלט אַ סילינג — האָט איר אַ סילינג...״

ענטפערט מיר שוין זיין פרוי: „נאָ סילינג, נאָ רענט...״

ענטפער איך שוין ווידער און ווער טאַקע אין כעס: „נאָ סילינג, זאָג איך, איז העכערע רענט.״

אזוי אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — איך זאָג אייך, איך האָב מורא צו איינשטעלן מיין לעבן. זיי וועלן מיך נאָך נעמען פאַר אַ „ראַיד״ אין מיין אייגענעם אָטאָמאָביל...

איר האָט אַ פּאָר שעה צייט? — קומט, קומט מיט מיר, וועט איר באַטש זען מיינע צרות. ווער עס ווינטשט אַ לענדלאָרד בייז, זאָל אַליין גיין איבער די הייזער.

אַלץ הייסט פּלעזשור!

(אַ מאָנאָלאָג)

זאָל איך אַזוי האָבן אַלעמענס גודס ווי איך זאָג אייך ניט קיין ליגן. זינט מיין ערשטן האָני־מון, וואָס דאָס איז שוין אַ קימאַ־לן פון באַלד דרייסיג יאָר, האָב איך נאָך ניט פאַרפעלט אַ זומער צו פאָרן אין דער קאַנטרי.

איר פאַרשטייט, איך האַלט פון יענע דאָקטוירים, וואָס זאָגן, אַז איינ־היטן דאָס געזונט איז גרינגער ווי דאָס געזונט צו היילן. און איך זאָג אייך, ס'איז אמת, ווארים אָט דעם זומער פון בלויז טראַכטן, אַז מ'וועט ניט קאָנען פאָרן אין קאַנטרי, פיל איך שוין ניט מיט אַלעמען.

איך האָב, אַ לויב דעם אויבערשטן, אַ פיינע מאַשין אין גאַראַדזש, טענה איך צו מיינעם, נעם פיר מיך צו אין די „מאַונטענס", וויפיל וועט דאָס דיך נעמען?

זאָגט ער מיר, אַז די רעגירונג האָט געזאָגט: „נאָ פּלעזשור דראַיווס" — איז נאָ.

בעט איך זיך ביי אים: פאַרהיטן דאָס ווייב פון קרענקען און איר צו־פירן אין קאַנטרי הייסט ביי דיר פּלעזשור? זאָגט ער מיר: יאָ. ווען איך פאָר אַוועק, איז דאָס ביי אים אַ פּלעזשור... און אויב ס'איז מלחמה — זאָגט ער — איז מלחמה פאַר אַלעמען.

נאָר אויב איר מיינט, אַז אין די קאַנטרים איז איצט אַזאַ פּלעזשור, מאַכט איר אַ טעות.

מרס. גאָלדסמיט, מיין נעקסט־דאָריגע, איז שוין גראָדע דעם סעזאָן געווען אין די „בערג" און איז נעכטן צוריקגעקומען. זאָג איך אייך, ס'איז אַ רחמנות אויף איר צו קוקן. זי דאַרף אַ וואָך וואַקאַציע ווי דאָס לעבן... וועגן פּוטער, דערציילט זי, מוז מען דעם וועיטער האַלטן אין איין שמירן... מילך? — שפּאַסט זיך דער האָטעל־קיפּער, — איז אַ בהמה'שער עניין, און עס פּאַסט ניט פאַר דערוואַקסענע מענטשן זיך אַרומצוטראָגן מיט אַ בויך ווי אַ הייטער מילך. און וועגן פליש, ווי זי גיט איבער, מאַכט מען פון אַ מילכיגן דינסטאָג — אַ פאַרעווען מיטוואָך...

דערצו, קלאָגט זי, איז אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג מאַכט מען אַ בלעק־אויט צו שפּאָרן עלעקטריק. איז פאַר דער יוגנט — מילא, גענוג די פייער־פליגעלעך... אָבער פאַר די וועלכע שפּילן פּאָוקער — איז דער איבער־רייס געווען אַ רים אין הארצן.

נערעכט. ווי זאָגט איר, זאָל מען ניט געפּרואווט ווערן מיט וואָס מ'קאָן געוואוינט ווערן.

איר'ט שוין געהערט דעם שפאס פון מרס. קליין? זי האט זיך געטראפן מיט אירער א לאנדספרוי צו א פיקניק, צערעדט מען זיך וועגן די זין אין דער ארמיי, וועגן היטלער'ן ימח־שמו, און מ'קומט ארויף אויף דעם ביטערן יקרות, וואס עס איז שווער צו פארן אין קאנטרי.

זאגט די מרס. קליין: ווען איך בין איר, נעם איך א רום אין בראיטאן. און גלויבט מיר, ס'איז די זעלביגע לבנה און שטערן און צוויי און פופציג קארטן ווי אין אלע קאנטרים...

צעלאכט זיך די לאנדספרוי: וואס הייסט, זאגט זי, נעמען א רום אין בראיטאן? איך בין שוין א בראיטאנער פאר די לעצטע צוועלף יאר און טאקע אין 4 רומס. אבער וואס טויג מיר בראיטאן פאר א קאנטרי, אז איך מוז אלע טאג קוקן אויף מיינע טעפלעך, הערן מיין טעכטערל'ס בראזגען אויף דער פיאנא און אנטלויפן פון דעם טומל אויפן בארדוואק אין א מואווי אריין זיך א ביסל אויסצושלאפן...

— זעט איר, ווען איך בין איר, —טענה'ט די לאנדספרוי, — קלייב איך זיך גראדע פארן זומער אריבער אין די בראנקס... בוימער, גראז, חיות — א רעגעלע קאנטרי.

די מרס. קליין שיסט ארוים מיט א געלעכטער:

— בראנקס? איך בין שוין א בראנקסער פאר א לעצטע פופצן יאר. פאר מיינע אויגן זיינען געווארן אין „זו" פון מאנקעס — גארילעס, פון פויגעלעך — אדלערס און פון צווייגעלעך — גאנצע בוימער... זאגט איר מיר — בראנקס! איך וואלט אנטלויפן פון בראנקס אין דער ערד אריין אבי ניט צו הערן מיין שכן שפילן מאנדאלין און צוויי מאל א טאג זיין א סארדין אין א געפאקטער סאבוויי...

וואס זאל איך אייך לאנג דערציילן? ביידע האבן זיך געביטן פארן זומער מיט די רומס. די מענער פארן ארוים ניט נאר פארן וויק־ענד, נאר אלע טאג צו דער ווייב אין קאנטרי. מר. קליין פארט אין דער קאנטרי בראי־טאן, און דער מאן פון דער לאנדספרוי פארט אין דער קאנטרי — בראנקס...

מרס. קליין שפאצירט אויפן בארדוואק און באוואונדערט דעם ים מיטן ביטש, און די לאנדספרוי בלאנדזשעט אין בראנקס פארק, שיילט פינאטס פאר די וועווריקעס און באוואונדערט די אינגאנצן אנדערע לבנה ווי אין בראיטאן.

ווי איר זעט, אין מלחמה־צייט געפינט מען פאר אלץ — ערזאץ.

זעט, איר האט עפעס א געשמאק צו בארא פארק? איך וואלט גראדע זייער וועלן זיין עטלעכע וואכן אין בראנזוויל... וואס זאגט איר?

באַהיט זאָל מען ווערן!

(אַ מאָנאָלאָג)

איך זאָג אייך — מיר איז גוט ווי די וועלט. אַלע גיבן אויף מיר אַכטונג: דער פּאָליסמאַן פּאַסט אויף — מ'זאָל מיך ניט באַ'גנב'ענען, דער פייער־מאַן גיט אַכטונג — איך זאָל ניט פאַרברענט ווערן, דער באָס גיט אַכטונג — איך זאָל האָבן גענוג אַרבעט, מיין דענטיסט — איך זאָל האָבן שטאַרקע ציין, און ס'ווייב היט מיך אָפּ, ווי דאָס אויגן אין קאָפּ — דעם מאָגן...

איר הערט, אויף מיין גאַס דרייט זיך אַרום אַ פּאָליסמאַן, ווי אַ פּעסל אויל; עס איז מיר נאָר אַ וואונדער, וואָס איצט — ווען ס'איז אַ מאַנגל אויף אויל, ווערט ער ניט פאַרנוצט פאַר מלחמה־צוועקן... אַרום אָט־דעם פּאָליסמאַן דרייען זיך אַרום אַלע יונגאַטשעס פון גאַס און ער איז מיט זיי צונויפגעקניפּט, ווי אַ קוילעטש מיט אַ קיטקע...

ווען אויף מיין גאַס האָבן גנבים באַשלאָסן צו מאַכן אַ „דזשאַב", פּלעגט דער פּאָליסמאַן, ס'הייסט דאָס פּעסל אויל, זיך ערגעץ אַוועקקייקלען און — גוד־באַי פּאָליסמאַן!

ווען די גנבה איז שוין בשלום דורכגעפירט געוואָרן, פּלעגט ער זיך יאַווען און טענה'ן צו די שכנים: „אָט אַזוי אַלע מאָל, ווי נאָר איך טרעט אָפּ אויף איין מינוט פון מיין פּאָסטן — יאַווען זיך די גנבים. איצט באַגרייפט איר שוין, וואָס מיין זיין אויף דער גאַס מיינט פאַר דער באַפעלקערונג?..."

און ווי אַזוי דער פייערמאַן היט אונז אָפּ, מעגט איר אויך הערן. אין שאַפּ, וואו איך אַרבעט, הענגט אַ גרויסע סאַין „רויכערן פאַרבאָטן". זיצט זיך אַ שניידער, וואַרפט שטעך און רויכערט זיין ליולקע. קומט אַריין אַ פייערמאַן, וואַרפט אַ קוק אַ הער, אַהין און פּאַקט דעם שניידער מיטן רויך אין האַלז.

דער שניידער ווערגט זיך; ער וויל זאָגן, אַז די ליולקע איז אָן פייער, אָבער — אינמיטן די רייד האָט אַ זעץ געטאָן אַ וואָלקן רויך פון זיין נאָז און האַלז, ווי פון אַ קוימען...

ווען דער שניידער האָט געזען, אַז קיין רויך־פאַרהאַנג וועט אים אין דעם פאַל ניט פאַרשטעלן, זיינען די אַרגומענטן זיך צעגאַנגען טאַקע ווי אַ רויך און ער האָט גענומען רעדן תכלית:

— איז וואָס ווילסטו? — פרעגט ער דעם פייערמאַן. — גיין אין קאָורט

האָב איך קיין צייט ניט, כ׳בין אַ טאַטע פון קינדער. איז זאָג מיר — „האָו מאַטש״?

דער פייערמאַן האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ מאַנטל, געטאַפּט די סחורה און צום סוף אַ זאָג געטאָן:

— אַ מאַנטל! איך דאַרף אַ ציווילנעם מאַנטל, איך זאָל האָבן מיט וואָס צו גיין זונטאָג אין טשווירטש אַריין.

דער שניידער איז געבליבן געפּלעפט:

— וואָס הייסט, איך זאָל געבן אַ מאַנטל? ס׳איז דען מיינע מאַנטלען? איך בין דאָך ניט מער ווי אַ שניידער. דער באַלעבאָס פון דער סחורה איז ער — דאָרטן אין אָפיס. ער שניידט און איך — איך ניי.

— אַזוי? — האָט דער פייערמאַן זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אָפיס. ער האָט באַטראַכט די טיר און איז גלייך אַריין אין אָפיס.

אין אָפיס האָט ער געטראָפן דעם באַלעבאָס מיט אַ ציגאַר אין מויל, סאָרטירנדיג פאַרשיידענע סחורות.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער שטרענג אַ פרעג געטאָן דעם באַלעבאָס פונעם שאָפּ. — זעסטו דען ניט די סאַין: „רויכערן פאַרבאָטן״?

— מאַלע וואָס! — האָט דער באָס שפּאַסיג געענטפערט, ווי ער וואָלט שוין געווען צוגעוואוינט צו אַזעלכע געשעענישן.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און — פאַרשטייט זיך, אַז מ׳האָט גענומען קלייבן סחורה אויף אַ מאַנטל פאַרן פייערמאַן...

בקיצור, עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער שניידער איז געשטאַנען מיט דער ליולקע אין מויל און געמאָסטן, דער באָס איז געשטאַנען מיטן ציגאַר און געשריבן. דער פייערמאַן האָט געקוקט אויף דער סאַין: „רויכערן פאַרבאָטן!״...

און ווי אַזוי די באַלעבאַטים גיבן אַכטונג, אַז מיר זאָלן האָבן אַרבעט, דאַרף איך אייך דען דערציילן? נאָר פונדעסטוועגן מעגט איר דאָס הערן.

ווען איך בין אַרויפגעקומען איינמאָל זוכן אַרבעט אין אַ שאָפּ, זאָגט מיר דער באַלעבאָס אַזוי: „מיסטער, איר האָט ביי מיר אַ סטעדי דזשאָב. ביי מיר קאָנט איר אַרבעטן טאָג און נאַכט, איך רעכן אייך ניט פאַר קיין גאַז, פאַר קיין עלעקטריק, און קאָטן קריגט איר געננוג. ברעכט אָפּ די וויזערס פון זייגער און קוקט ניט אויף קיין צייט...״

ווענן פאַרדינסטן, זאָגט ער מיר, איז אַזוי די מעשה: אַז מ׳אַרבעט סטעדי און מען ספּענדט ניט קיין געלט, און ס׳איז ניטאָ קיין צייט פאַר מואוויס, פאַר קיין טעאַטערס, שפּאָרט זיך אַ דאָלער פון זיך אַליין...

און ווי אזוי, מיינט איר, היט מיך אָפּ דער דענטיסט די ציין ? ער גיט א פּאָר אריין מיט זיין עלעקטרישן טשיזל אין צאָן אריין, מאכט א לאָך און זוכט צי דער צאָן איז חלילה ניט צעלעבערט... שייך צו זאָגן, נאָך עטלעכע טריטמענטס און איך האָב שוין מער ניט קיין צאָן־ווייטאָג — אלע ציין זיינען פּרעמדע, און פרעמדע ציין טוען מער ניט וויי...

און ווען מיר רעדן פון היטער, מוז איך אייך שוין דערציילן ווי מיין ווייב היט אָפּ מיין מאָגן, ווי ער וואָלט געווען א סעיף מיט דזשולערי...

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער דאָקטאָר איר געגעבן א „דאיעט", האָט זי באשטימט, אז דער דאיעט איז אויך גוט פאַר מיר. וואָס זאָל איך אייך זאָגן ? — ווי א גוטע דראמע אָדער קאָמעדיע, לויפט שוין ביי מיר דער פערטער סעזאָן — טאָוסט, ספּינאטש, און געבאקטע פּאָטעיטעס, אלע טאָג און שבת און זונטאָג מאטינע...

נו, גייט זאָגט, אז מ׳גיט ניט אכטונג אויף אונז !... נאָר ווי זאָגט מיין מאמע : באהיט מיך גאָט פון די היטער, ווייל — ס׳איז שווער זיך אויס־צוהיטן פון זיי...

אַ „לעבעדיגע" אַלמנה

(אַ פענשטיפעריי)

מיסטער לאַזאַר איז פון די מענטשן, וואָס האַלטן, אַז אַ פרוי איז ווי אַ טשיקן, דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס די טשיקן איז גוט אין טעפּל און די פרוי — לעבן טעפּל...

דער דאָזיגער לאַזאַר פלעגט זיך טאַקע דערפאַר שטענדיג קאָכן געגן דעם, וואָס פרויען פאַרנעמען דזשאָבס אין די שעפּער. ווען ער פלעגט דערזען אַ פרוי זיצנדיג ביי אַ מאַשין, פלעגט ער ווערן שרעקלעך אין כעס.

— אַ פרוי, — פלעגט ער טענה'ן צו די אַרבעטער אין שאַפּ, — איז באַשאַפן געוואָרן צו קאָכן, וואַשן און האָבן קינדער. אָבער אין די שעפּער, אין די יוניאָנס — טאָר מען זיי ניט אַריינלאָזן. אַ פרוי דאַרף וויסן איר קאָטוך.

אין דער היים, צווישן שכנים, משפחה, פלעגט ער גאָר קערן וועלטן געגן דעם, וואָס פאַרהייראַטע פרויען דערלויבן זיך גיין צו דער אַרבעט.

— ווען מיין פרוי זאָל זיך דערלויבן צו גיין אַרבעטן אין שאַפּ, — פלעגט ער זיך צעשרייען, — וואָלט איך זי גלייך אַפּגע'גט. עס איז אַ שאַנדע פאַר דער מענטשהייט, עס איז אַ פאַרברעכן געגן דער מאָראַל...

ער, אָט-דער „מאָראַליסט", האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרשעמט ווען אַר-בעטער פון זיין סעקשאָן אין שאַפּ פלעגן ביי אים פונעם קערבל צוריקנעמען אַ באַנדל אַרבעט, וואָס ער פלעגט פאַרכאַפּן פון אַ צווייטן. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשעמט, ווען מען פלעגט אים פאָרוואַרפן הלמאי ער קומט אָן אַ דערלויבעניש פון דער יוניאָן אַרבעטן שבת אָדער אָן אָווערטאַיִם. נאָר די אַרבעט פון פרויען האָט ער אַפילו אין די רעגולערע שטונדן ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

אָבער אין איצטיגער קריגס-צייט, ווען עס איז אין שאַפּ געוואָרן אַ מאַנגל אין „הענט" און ווען דער פאַרדינסט איז אויך געוואָרן אַ ביסל בעסער, האָט לאַזאַר זיך גענומען איינצו'טענה'ן מיט זיין פרוי, אַז עס וואָלט אפשר גאָר געווען אַ פּלאַן, אַז זי זאָל זיך איצט נעמען אים העלפן אַריינכאַפּן אַ דאָלער. אפשר, האָט ער געזאָגט, וועט זיין פּראַקטיש ווען זי זאָל אויך אַרויף צו אים אין שאַפּ אַרבעטן. „אמת, ביסט טאַקע ניט קיין באַלמעלאָכע" — האָט ער צו איר געזאָגט — „אָבער עס וועט מיר ניט זיין שווער דיך איינ-

צוברעכן ביי דער ארבעט. וועסט קאָנען זיצן מיט מיר צוזאמען, ארבעטן האנט ביי האנט.״

זיין פרוי, לינע, האָט אים צוערשט אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג און געפרעגט:

— סטייטש, ווי אַזוי וועט עס אויסזען פאַר לייטן? עס איז טאַקע אמת, אז דער יקרות איז גרויס און אז די עטלעכע דאָלער א וואָך, וואָס איך וועל קאָנען מאכן, וועלן גוט צונוץ קומען. אָבער וואָס וועלן זאָגן די פריינט, די פאַמיליע און באַקאַנטע ווען זיי וועלן דערהערן, אז איך ארבעט אין שאַפּ?

לאַזאר האָט אָבער פאַר דעם זייער שנעל געפונען אַן עצה:

— פאַר דער פאַמיליע און פריינט, — האָט ער דער פרוי דערקלערט, — וועסטו זאָגן, אז דו פילסט ניט גוט און אז דו פאַרסט אַלע טאָג אין שטאָט אריין אין אַ דיספּענסערי צו נעמען טריטמענטס. און וועגן שאַפּ האָב איך אויך אַ מיטל. אין שאַפּ וועל איך זאָגן, אז דו ביזט מיינע אַ לאַנדספרוי, אַן אלמנה. וועט מען דיר געבן דעם דזשאָב און וועסט נאָך אויך האָבן „פול״ מ׳זאָל דיר לאָזן גוט פאַרדינען...

אזוי האָט מר. לאַזאר זיין פרוי לינע׳ן (דאָס הייסט די לאַנדספרוי די אלמנה) ארויפגענומען צו דער ארבעט אין שאַפּ.

דער באָס פון שאַפּ איז געווען זייער צופרידן וואָס ער האָט צוגעקראָגן אַ האַנט. ער האָט דערביי לאַזאר׳ן געבעטן צו האַלטן אַן אויג אויף דער ארבעט פון דער „אלמנה״, ער זאָל איר צולערנען און ווייזן וואָס עס איז נויטיג צו טאָן.

דער פאָרמאַן פון שאַפּ האָט אָבער אַליין אויך גענומען ווארפן אויגן אויף דער „אלמנה״. זי, די „אלמנה״, איז אים גראָד שטאַרק געפעלן געוואָרן. האָט ער אַזוי אויסגערעכנט, אז מיט אַלע פּעקלעך, וועלכע ער האָט געדאַרפט טראָגן פון איין מאשין צו אַ צווייטער, זאָל ער פאַרבייגיין לעבן אָט־דער מאשין, וואו עס איז געזעסן די „אלמנה״. פאַרבייגייענדיג פלעגט ער כמעט יעדן מאָל דערלאַנגען אַ גלעט אָדער אַ קניפּ אין איר פּוכקער האַנט, וואָס איז שטענדיג געלעגן נאַקעט איבערן רעדל פון דער מאשין.

לינע׳ן איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. האָט זי זיך גענומען קלאָגן אין דער שטיל פאַרן מאַן: „לאַזאר, עס איז דאָך אַ צרה! ער רייסט פון מיר שטיקער!״ נאָר לאַזאר האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיג.

אָבער, איינמאָל, גייענדיג אַהיים, האָט שוין לינע אָנגעהויבן רעדן אַ ביסל מיט כעס:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, לאַזאַר, — האָט זי גע׳טענה׳ט, — אַלץ וואָלט שוין געווען גוט. די אַרבעט פאַלט מיר ניט שווער. דער פאַרדינסט איז אויך ניט שלעכט. אָבער אים, דעם פאָרמאַן, קאָן איך ניט דולדן. ער קנייפּט מיך און רייסט דאָך פון מיר שטיקער פלייש. הײנט די שפּראַך, וואָס ער נוצט! ער גיט דאָך אַמאָל אַ זאָג אַ וואָרט ווי אַ היטלער!

האָט איר לאַזאַר כלומרשט מיט אַ שפּאַס אַ זאָג געטאָן:

— אַזוי איז דאָס שוין מיט אַן אַלמנה. אַן אַלמנה מוז נעבעך ליידן...

— איך בין דאָך אָבער נאָך קיין אַלמנה ניט! — האָט לינע געשריען.

איז שוין לאַזאַר געוואָרן ערנסטער און האָט געענטפערט:

— אָבער לינע טייערע, עס איז מלחמה־צייט. אין אַזאַ צייט מוזן אַלע ליידן. איז אויב אפילו דער פאָרמאַן טוט אַ קנייפּ אַ ביסל, מוז מען דערפון אויך ליידן. ס׳איז דאָך מלחמה...

אַ מלוכה פאַר זיך

(אַ מאָנאָלאָג)

מ׳זאָגט, אַז ווען קיין מלחמות וועלן מער ניט זיין וועלן אַלע קליינע מלוכות אויפגעריכט ווערן און אַלע פעלקער וועלן לעבן בשלום. אויב אַזוי, טראַכט איך מיר, האָב איך דאָך אויך אַ האָפענונג.

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אויך אַ קעניג מיט אַ גאַנצער מלוכה, און אין גלות טאַקע ווי אַ איד. אוי, בין איך אין גלות! אַ קעניג בין איך אין די בעסטע צייטן — 2 טעג אַ יאָר — צום סדר. אָבער אין גלות — אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. און דערצו נאָך דאַרף איך זאָרגן פאַר מיינע אונטערטאַנען.

ס׳הייסט, דעם אמת געזאָגט, בין איך גאָר דער אונטערטאַן ביי זיי. איך, ווי אַ קעניג, גיב זיי באַפעלן און זיי, ווי אַ פאָלק, האָבן מיר אין דר׳ערד...

די ערגסטע זאַך פאַר אַ קעניג איז אָבער צו האַנדלען מיט די מיניסטאָרן, וואָרים זיי האָבן שוין אַזאַ טבע, זיי שרייבן אָן און איך — מוז אונטער־שרייבן, זיי באַשליסן און איך — מוז אַרויפלייגן מיין פעטשאַט...

נאָר מיינט ניט, אַז מיין קעניגרייך איז אַזאַ קליינע. לויט מיינע מיניס־טאָרן און לויט מיין קאַבינעט, איז דאָס אַ וואַזשנע מדינה...

הערט, אויף טשיקאַוועס, ווי עס אַרבעט מיין רעגירונג:

דער שווער מיינער איז אַ מיניסטער אָן אַ פּאָרטפעל. ער פאַרשטייט פּאָליטיקע, גיט עצות, אָבער טאָן עפּעס, זאָגט ער, איז ניט פאַר זיינע כוחות.

די שוויגער איז מיניסטער פון ווירטשאַפט. זי זאָגט, אַז מ׳גרייט ניט אָן פרייטאָג, האָט מען ניט אויף שבת. גייט זי אַרום מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג, און באַזאָרגט דעם שבת. זי האָט פאַרבינדונגען מיט אַלע אויסלענדישע מלוכות, ס׳הייסט מיט אַלע מאַרקעטס. זי קויפט און איך — דאַרף צו לייזן די פּראָבלעם „קעש ענד קערי" — איך צאָל און איך טראָג.

מיין מאַמע איז אויסלאַנד־מיניסטער. זי זיצט נאָר ביי די שכנים און געפינט אויס וואָס עס קאָכט זיך ביי זיי אין די טעפּלעך. דער טאַטע מיינער איז אינערן־מיניסטער. ער זיצט אין הויז, רויכערט די ליולקע און האַלט אין איין שרייען, מ׳זאָל שוויגן, ווייל ער קאָן ניט פאַרנעמען קיין טומל.

דער עלטסטער זון מיינער איז אַ דיפּלאָמאַט. ער האָט זיך נאָך קיינמאָל

ניט ווידערשפּראָכן אין א ליגן, און מעג ער קומען פון א פּאָוקער־געים צוויי אזייגער פאַרטאָג, באַווייזט ער גלייך זיין ווייבל, אַז ער איז געקומען אין צייט, נאָר דער זייגער גייט שלעכט...

מיין עלטערע טעכטערל איז לופט־מיניסטער. זי פליט פון איין דעפּאַרט־מענט־סטאָר אין א צווייטן. די צווייטע טעכטערל מיינע איז פּלאַטן־מיניסטער. ווען זי נעמט עפּעס טאָן אין קיך, שווימט אַלץ ארום. און די דריטע טעכטערל איז אַרבעט־מיניסטער. זי באַזאָרגט אַלעמען אַרבעט, און אַליין טונקט דאָס ניט איין א פינגער אין קאַלט וואַסער...

דער צווייטער זון מיינער, דער קלענערער, איז דער אַגריקולטור־מיניסטער. צו וואָס ער נעמט זיך, ליגט ער עס אין דר׳ערד... דאָס אייניקל מיינס איז קולטור־ און וויסנשאַפט־מיניסטער. אַלע ביכער פון שראַנק ליגן אַרום אים און ער שרייבט און מאָלט אין די בעסטע ביכער...

גאָר א שווערע אַרבעט האָט מען ווייב — זי איז קריגס־מיניסטער. טאָג ווי נאַכט שטייט זי אויפן קאַמפּס־פעלד און מאַנעווריר־ט מיט איר „קאַטיושקע״...

איר הערט, איך בין טאַקע א קעניג אין גלות, אָבער א מכּה ווייסן די אַלע קעניגן ווי אַזוי צו פירן די געשעפטן. זאָלן זיי זיך לערנען ביי מיר.

גלייך אין דער פרי גיי איך מיר אַוועק אין שאַפּ צו דער אַרבעט. פון דער אַרבעט צו א מיטינג, פון מיטינג צו א לעקציע, און ווען איך קום אין הויז אריין הער איך אויס אַלע דעקרעטן און זאָג, אַז איך וועל מיך איבער־ליינגן מיט דעם ביז מאָרגן. און מאָרגן — זאָל ווידער לעבן דער שאַפּ! און ווען מיין באָס זאָל נאָר ניט זיין קיין הונט מיט אויערן, וואָלט איך געזאָגט: א כּפּרה אַלע קעניג־שטולן פאַר א שטול אין שאַפּ, מיט מיינע יוניאָן־שוועסטער און ברידער אַרום מיר!

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך עס אייך? אָט טאַקע אַנטקעגן דעם: איך האָב דערציילט אין שאַפּ די מעשה צו מיינע מיטאַרבעטער, ווי אַזוי איך בין א גאַנצער קעניג אין הויז, איז יעדן אינדערפרי, ווי איך עפן נאָר די טיר פונעם שאַפּ, גיבן שוין די חברה לצים זיך א שטעל אויס און ווי א גוט־מושטירטע אַרמיי גיבן זיי א געשריי ווי איין מאַן: „שטאַיט גלאַך, דער קאַיזער גאַיט!״...

אָט דערפאַר זאָג איך אייך: היינטיגע צייטן, זייט ניט מקנא קיין קאַיזער און קיין קעניג. און ווער ס׳איז זיי מקנא, זאָל האָבן זייער דאַליע...

מכוח אַכצן און דרייצן

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ אידן וואָס דרייט מיטן גראָבן פינגער)

אין ים זיינען פאַראַן אַלערליי פיש, און אפילו ים־חזירים אויך. און צווישן מענטשן איז אויך אַזוי...

פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן שטענדיג זיין גערעכט, און אפילו אויב זיי פאַלן אַמאָל אריין און זאָגן אויף טאָג נאַכט, בלייבן זיי פונדעסטוועגן אַלץ גערעכט.. ווייל זיי רעדן אַזוי לאַנג און זוכן אייך צו איבערצייגן — ביז וואַנען ס'ווערט טאַקע נאַכט, און דאַן שרייען זיי אויס מיט טריאומף: נו, ווער איז גערעכט?

איך האָב פיינט די עקשנים — די וואָס ווילן דורכפירן זייערס. איך קען אַ מענטשן, וואָס איז איבערגעפאָרן געוואָרן, ווייל — אמת, לויטן טראַפיק איז דאָס געווען זיין רעכט איבערצוגיין די גאַס, — אָבער אַ מאַשין האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו איבערלויפן די רויטע ליכט. איך האָב געשריען צו אים: היט זיך! זאָגט ער: ס'איז מיין רעכט איבערצוגיין, און פאַר מיין רעכט — בין איך גרייט צו פאַלן...

איצט ליגט ער. און ווען ער קאָן רעדן, וואָלט ער געוויס געזאָגט, אַז ער איז אַ מאַרטירער...

איך האָב געהאַט אַ לאַנדסמאַן אַ צו־להכעיס'ניק, איז אים איינמאָל באַפאַלן אַ שלאַנג און האָט אים אַ ביס געטאָן. דער דאָקטאָר האָט גע'טענה'ט, אַז מען מוז קריגן געגן־גיפט פון אַ שלאַנג אים צו ראַטעווען. דער לאַנדסמאַן האָט געשריען: איינמאָל ניין! פון אַ שלאַנג, וואָס בייסט זיך, וויל איך ניט קיין רפואות. און — ער האָט אָפגעטאָן דער שלאַנג...

פאַראַן מענטשן, וואָס וועלן שטענדיג האָבן טענות, אפילו ווען זיי ווייסן, אַז זייערע טענות שלאָגן זיי צוריק אין פנים. אָט האָב איך אַמאָל געהערט אַ טענה פון איינעם, וועמען מ'האָט געראַטעוועט פון דערטרונקען ווערן. און די מעשה איז אַזוי געווען: דער מאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין טרינקען, האָט אין פאַרצווייפלונג זיך ניט געלאָזט ראַטעווען און שיעור ניט מיטגעשלעפּט דעם לעבנס־רעטער. דער לעבנס־רעטער האָט אָבער מיט

פראקטישער אויסרעכענונג אים דערלאנגט א כמאליע אין פאטעלניצע, ער זאל זיך לאזן ראטעווען.

ווען ער, דער קאליקע־שווימער, איז שוין געשטאנען אויף די פיס, איז ער באפאלן דעם לעבנס־רעטער: — סטייטש, דו אזוינער און אזוינער! — האט ער געשריען. — פארוואס האסטו מיך געשלאגן?...

פאראן מענטשן, וואס ווילן גארניט לערנען פון דערפארונג. אט האט, צום ביישפיל, א קלוגער מענטש געזאגט, אז פארנדיג בארג־ארויף שפאנט מען ניט איבער די פערד־און־וואגן. דארף עס שוין זיין א וואונק צו אנדערע צו באטאפן דעם פערד־און־וואגן, איידער מ׳זעצט זיך אריין פארן...

דאס אייגענע דארף שוין גילטן דאס ווערטל: נאכדעם ווי מ׳גנב׳עט ארויס דאס פערד, פארשליסט מען דעם שטאל, — צו זיין טאקע פראקטישע מענטשן און פארשליסן אין צייט. פונדעסטוועגן זעען מיר, אז די גנבים טרעפן נאך אלץ א פלאץ, וואו די טיר עפנט זיך...

און אז מיר רעדן שוין פון פערד, מוז איך אייך דערציילן פון מיין שכנה. דער דאקטאר האט איר געהייסן האלטן אפן די פענצטער, צו האבן פרישע לופט. נו, וועט זי ניט פארמאכן די פענצטער, אפילו ווען א צווייטע שכנה איבער איר קלאפט אוים דורכן פענצטער דעם שטויב פון די קארפעטס גלייך איר אין פנים אריין. ס׳הייסט? זי מוז האבן לופט...

יא, פאראן מענטשן וואס מיינען, אז מיטן האלטן זיך ביי איינס זיינען זיי גרויסע ווארטסלייט. אבער פראקטישע מענטשן פארשטייען, אז אזוי ווי מ׳קאן ניט בייטן דעם וועטער, מוז מען בייטן די קליידער לויטן וועטער נאך... פונקט ווי טראגן שיך אן שפיצן קאן זיין זייער שיין, נאר טראגן שיך א שפיצן אין א רעגן קאן איינע, וואס איז אליין ניט איבערגעשפיצט...

איך מיין ניט צו זאגן, אז איך בין דא דער חכם, אבער איך וויל ניט זיין אזוי נאריש ווי יענע פרוי, ווען מ׳האט אויסגעשניטן א קענסער פון ברוסט און מ׳האט געדארפט פארלאטען מיט א שטיקל פלייש פון ליטקע, איז איר דאס ניט אנגעשטאנען. ס׳הייסט, האט זי געוויינט און געשריען, ווי פאסט מיר דאס ארומגיין מיט א ליטקע אויפן הארצן?...

פאראן מענטשן, וואס ווילן זיך ארומטראגן מיט א פאלשן געדאנק יארן־לאנג בלויז דערפאר, ווייל ס׳קומט פון א גרויסן מענטשן. איך האב ניט ליב אזעלכע מענטשן, פונקט ווי איך לאך פון יענעם אידן, וועלכער איז געבריכט און ער גרויסט זיך גאר מיט דעם, ווייל — ער האט דאס אפגעשפארט פון אויפהייבן זיין גראטענעם אייניקל...

איר פארשטייט: איך האב ליב מענטשן מיט שכל, און א קלוגער גע־

דאנק מוז איך זיין פראקטיש, ווייל ער האט נאר די ווערט ווי א צוזאמענ־געשטעלטער אויטאמאביל: ווען ער איז גאנץ — פארט ער, און ווען ער איז באזונדער — מוז מען אים גאר פירן...

איך קען א מענטשן, וואס איז אזוי לאגיש ניט־לאגיש, אז ווען דער דאקטאר האט אים געזאגט, אז ער מוז האבן אויגן־גלעזער אויף זיינע שוואכע אויגן, האט ער זיך צעלאכט פונעם דאקטאר: — הערסט, — האט ער גע׳טענה׳ט, — אז די אויגן זיינען שוין אזוי שוואך צו זען, זאל איך זיי נאך פארשטעלן מיט גלאז און איינשפאנען אין האלאבליעס...

אין לעבן, פארשטייט איר מיך, איז ווי מ׳זאגט: אויף אלץ א צייט. אבער איין זאך קאן מען ניט פארגלייכן מיט א צווייטער. אט צום ביישפיל: רייפע פירות פאלן אראפ און רייפע מאסן — שטייען אויף...

אנטקעגן וואס זאג איך דאס אלץ? טאקע אנטקעגן דעם —

אויב דאס היטל פאסט אייך, טראגט עס געזונט, אויב ניט — קויפט אייך א קאפעליוש און דרייט ניט קיין היטל... איר פארשטייט?

ס'אַ ביטערע וועלט. ..

(מאָנאָלאָג)

די היינטיגע וועלט, זאָלט איר מיר מוחל זיין, האָט אַ פּנים פון אַ רעטאַך, און וואָס פאַר אַ פּנים אַזאַ טעם האָט עס. דעם עסער איז ביטער און די אַרומיגע ווערט זויער פון הערן דאָס כראָמשקען...

פונדעסטוועגן זאָג איך אייך, ווען מ'צעשניידט דאָס און מ'צעמאָלט דאָס ריכטיג, און מ'מישט דאָס אויס מיט אַ ביסל גענדזן־פעטס, און מ'מאַכט דאָס מיט דער נויטיגער מאָס זאַלץ, דאַן — אַזאַ יאָר אויף אונז ביידן, וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט שוין. מ'קאָן שוין פון דעם לעקן די פינגער און — עס פאַרדינט שוין אַ פּלאַץ אויף דער „מעניו"...

די צרה איז נאָר, פאַרשטייט איר מיר, וואָס אויב די וועלט איז ווי אַ רעטאַך, זיינען די מענטשן ווי דער וואָרעם אין רעטאַך. זיי האָבן זיך איינגעגראָבן אין די שפּאַלטן פונעם רעטאַך און — ווען זיי קאָנען, שרייען זיי נאָך, אַז — ס'איז זיי זיס...

גלויבט מיר, ווען דער רעטאַך זאָל ניט צעשניטן ווערן אויפן פּאָלומיסעק, פרייטאָג צום טיש, וואָלט דער וואָרעם ניט אָנגעזען די ליכטיגע וועלט... נאָר אָך און ווײ איז שוין סיי־ווי צו אים, אַז ער דערזעט די וועלט אַ מינוט פאַר ליכט־בענטשן...

דעם אמת געזאָגט, האָבן אַ סך מענטשן זיך שוין אַזוי איינגעלעבט אינעם רעטאַך, אַז זייערע האַנדלונגען זיינען שוין טאַקע גאָר — ווערעמדיג... ס'הייסט, ניט אַריינרעכענענדיג אין דעם אפשר אייך. אָט, וואָס, אַ שטייגער, זאָגט איר וועגן דעם: ס'איז ביטער, ס'איז מלחמה. מענטשלעך בלוט גיסט זיך ווי וואַסער. פונדעסטוועגן זיינען פאַראַן אַ סך פרויען, וואָס דאגה'ן זיך — ס'איז זיי אַ מאַנגל אין ציבעלעס; מענער באַקלאָגן זיך — ס'פעלט זיי אוים שנאַפּס... סטייטש, נאַרישע מענטשן! אַזאַ ביטערע וועלט, זוכט איר נאָך ביטערקייט? אָבער ס'העלפט ניט קיין רייד — דער וואָרעם :טאָטשעט" אין זיי: ס'ביסל ביטערקייט מאַכט זייער לעבן זיס...

מיר געפעלט שוין בעסער מיין לאַנדסמאַן, וועלכער קומט אַלע נאַכט צו מיר אויף טיי, און אין דער צייט פון מלחמה, ווען צוקער איז „גע־רעישאָנט", וואַרפט ער אַריין צו זיך אין גלאָז 4 שטיקלעך צוקער אָנשטאָט צוויי. און אַז איך זאָג אים: — ר' הענעך, ס'איז מלחמה־צייט! איצט דאַרף מען נוצן אַ ביסעלע ווייניגער צוקער ווי פריער. זאָגט ער מיר: פאַר־געסט אָבער ניט, אַז איצט איז אַ סך ביטערער די צייט...

פונדעסטוועגן וועט איך מיינער א צווייטער לאנדסמאן אוועקגעבן דעם שור־הבר פאר א שטיקל „געזאלצנס״ אדער פאר א שטיקל פיש, ווי ער זאגט, מיט א סך זומער־שפרענקלעך, ס׳הייסט באפעפערט פון אלע זייטן... ט׳אזא וועלטל איז דאס — דעם ווארעם ציט צום רעטאך... אז ס׳איז ביטער — איז זיס...

אנומלטן באקלאגט זיך פאר מיר מיין נעקסטדאריגע: זי איז אריינגעקראכן אין א ליבע מיטן לענדלארד, טאטשעט דאס איר ביזן ביין; ס׳איז איר פינצטער און ביטער. און אים, דעם לענדלארד, זאגט זי, איז אויך ניט צו ליכטיג, מחמת זיין פרוי האט זיי שוין ביידן געגעבן אזעלכע פעטש, אזש ס׳איז זיי געווארן א בלעק־אוט אינמיטן העלן טאג... נאר גארניט, זאגט זי, אזוי ווי דער ווארעם אין רעטאך, האט ער זיך איינגעגעסן אין מיר און וויל ניט אוועק... פרוביר איך דער אומגליקלעכער פרוי געבן אן עצה, זאג איך: מ׳פאקט איין די „וועשטשעס״ און מ׳מופט ארויס פון אזא פאסקודנעם לענדלארד. צעוויינט זי זיך: אייך איז גוט צו רעדן! וואו זאל איך איצט מופן? איך וואוין שוין דא ביי אים אכצן יאר. איך האב זיך שוין דא ביי אים איינגעלעבט ווי דער ווארעם אין רעטאך... איר פארשטייט וואס דאס מיינט?...

נאר וואס דארף איך רעדן פון יענעם? אט נעמט מיין קליין וועלטל. איך ארבעט שוין אין איין שאפ צוויי און צוואנציג יאר. אריין זיינען מיר, איך און מיין באס, ווי צוויי גלייכע מענטשן, גלייך ווי צוויי יונגעלייטלעך קאנען זיין, נאר ער — א באס און איך — אן ארבעטער. איצט איז ביי מיר אויסגעוואקסן דא א הויקער און ביי אים — דא א פעמפיק. ביי מיר א ביכל מיט חובות און ביי אים — א ביכל טשעקס. און אז איך באקלאג זיך פאר מיינער, ווי ביטער ס׳איז מיין לעבן — זאגט זי קורץ און שארף: ווער הייסט דיר ליגן ווי דער ווארעם אין רעטאך?... נאר אט אזוי איז דאס לעבן. ווי ר׳ הענעך זאגט: מ׳שמעקט, מ׳ניסט און — מ׳שרייט: ס׳איז ביטער — האפ־טשי!...

אנטקעגן וואס איז דאס אלץ צו רייד געקומען? יא, טאקע וועגן דעם: איך בין אריין אין רעסטאראן עסן א שטיקל פיש, זאג איך צו דער וועיטרעס: — נו? א ביסל כריין, א שטיקל רעטאך? — גיט זי א קרים איר זויערן פנים מיט א ביטערן בליק און גייט אוועק.

אי, די מלחמה, די מלחמה! ס׳איז א ביטערע צייט! — גיי עס פיש אן א ביסל כריין און אן א שטיקל רעטאך — א ביטערער לעבן...

געט׳ס אים אַמעריקע!

(אַ דרשה פון אַ רשע)

לויט דעם טאַראַראַם אין שטעטל האָבן יונג און אַלט דערוואַרט אַ צירק — אַ צירק מיט העלפאַנטן, לייבן, מאַנקים און שלאַנגען. ווען דער טעאַטער איז אָנגעפילט געוואָרן, האָט זיך גאָר געיאַוועט אַ נייע חיה, אַן — אַנטי־סעמיט.

ער האָט געוואָלט נעמען דעם עולם מיט שטורעם, האָט ער גלייך אָנגעהויבן: אַמעריקע פאַר די אַמעריקאַנער! אַרויס די אידן! אַרויס די „ניגערס"! אַרויס די רוסן, מיט די פּאָליאַקן, מיט די כינעזער, יאַפּאַנעזער, סיריער, גריכן! אַרויס פון אַמעריקע די אַלע אימיגראַנטן — אַמעריקע פאַר אַמעריקאַנער!

אַן אַלטער אינדיאַנער האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ גרויסער ליולקע אין האַנט און אַ פרעג געטאָן מיט שרעק: „מאַי גאָד!" וואָס וועל איך דאָס טאָן מיט אַזויפיל לאַנד?...

דער אַנטיסעמיט האָט זיך באַרואיגט פונעם געלעכטער, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין טעאַטער, און ער האָט ווידער גענומען רעדן: מיר דאַרפן ניט קיין פרעמדע שפּייזן אין אונזער לאַנד. די רעסטאָראַנען זיינען פאַרלייגט מיט פרעמדע שפּייזן — רומענישע מאַמעליגע, אונגאַרישער גולאַש, וואַרשעווער וואורשט, ביאַליסטאָקער קוכנס, רוסישער ברויט, כינעזישע טשאַו־מעין, האָלענדער קעז, איטאַליענישע ספּאַגעטי און פּוילישע דריפּקעס...

אַ פרוי האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ פראַגע:

— ווי איז מיר! איז וואָס זאָל איך עסן, נאָר באָסטאָן בינס?...

— „נעווערמאַינד!" — האָט ער זיך שוין צעשריען. — איר האָט וואָס צו עסן: אַמעריקען טשיז, שיקאַגער פלייש, ניו־דזשוירזיער אייער, און קאַליפאָרניער אָראַנזשעס.

— נו, — האָט מיט חוזק אַ געשריי געטאָן איינער פון דער באַלקאָני,

— און וואָס איז וועגן משה׳ס פּאָמפּערניקל?

יענער האָט זיך געמאַכט מוט און גלייך געענטפערט:

— אויב משה׳ס פּאָמפּערניקל איז געקומען מיט דער „מעיפלאַוער", איז עס אַמעריקאַנער...

— אָבער דאָס איז ניט אַלעס! — האָט דער רשע זיך געקאָכט. —

מיר מוזן גיין ווייטער. מיר ווילן ניט מישא עלמאנ׳ס פידל, שאסטקאוויטש׳עס סימפאניעס, קארוזא׳ס און ראבסאנ׳ס געזאנגען, טאסקאניני׳ס דיריגירן. זיי זיינען אלע „פארעינערס״, פרעמדע. מיר ווילן אמעריקע פאר אמעריקאנער. מיר ווילן „גאד בלעס אמעריקא״.

עס איז געווארן א געלעכטער און איינער האט א זאג געטאן:

— אבער אוירווינג בערלין איז דאך דער פארפאסער פונעם ליד, און ער איז א איד!

— וואס? — האט יענער זיך געמאכט הארע. — איך קאן באווייזן, היטלער אליין האט געלאזט וויסן, אז בערלין איז — אידן־ריין...

— מיר דארפן ניט — האט ער ווייטער גע׳דרשנ׳ט — קיין פרעמדע מענטשן און פרעמדע געטער. די פרעמדע געטער האבן דאס געשאפן אזא וועלט, וואס זאל זיך דרייען ארום דער זון, און דאס איז א טריק פונעם אידישן גאט. דרייט זיך אונזער אמעריקע לעבן גאליציע, :אפן זיך ארויף די גאליציאנער אידן; דרייט זי זיך לעבן רומעניע, כאפן זיך ארויף די רומענישע אידן. און אזוי כאפן זיך אריין אין אונזער לאנד די פרעמדע. מיר מוזן אפשטעלן דאס דרייען זיך פון דער ערד — אמעריקע פאר אמעריקאנער!

איר גייט דורך די גאסן, זעט איר ווי די פרעמדע האבן אלץ פארכאפט — העסטער סטריט, שיף־פארקוועי, לבנון סטריט, הערצל סטריט, בריסטל סטריט, מארים סטריט, דאס מיינט משה׳ס סטריט, איר הערט? און וואס הערט זיך טאקע מיט בראנזוויל?...

— און וואס הערט זיך מיט בית ישראל האספיטאל? — האט איינער אין שפאס א געשריי געטאן.

— טאקע, טאקע, — האט א צווייטער אונטערגעכאפט. — בלויז אזעלכע „אמעריקאנער״ ווי ער דארפן דארט ליגן... די פרעמדע ארויס!

דער אנטיסעמיט האט זיך ווידער צעלאזן:

— און אז איר פארט דורך דאס לאנד, זעט איר סעמעטערים, פרעמדע סעמעטערים. דאס האבן די אידן פארכאפט דאס לאנד, אונזער ערד. לבנון־סעמעטערי, מאנטעפיאר־סעמעטערי, עדת־ישראל סעמעטערי און נאך און נאך... איר אימיגראנטן ווילט שטארבן, גייט אייך אין יוראפ! דא די ערד געהערט צו אונז!

— ריכטיג! — איז איינער אויפגעשפרונגען. — דא ליגן אין דר׳ערד מעג נאר דער רעדנער און נאך אזוינע ווי ער...

— גערעכט! — האט דער עולם געשטורעמט. — בלויז דער רעדנער איז בארעכטיגט צו ליגן דא אין דר׳ערד...

אַ וועלט פאַר זיך

(אַ האַרבסט־מעשהילע)

האַרבסט. אַ מילד ווינטעלע רייסט זיך אַריין אונטערן קאָלנער, ווי עס וואָלט וועלן זיך אַליין אָפּשטעלן פון ווייטערדיגן לויפן...

די זון שיינט אַרויס, וואַרפט ליכטיגע שטראַלן, אָבער איר וואַרעמקייט איז ווי פון אַן אַלטינקן, וועלכער פאַרנעמט די פּאַלעס צום טאַנצן, — אָבער די פיס הויבן זיך שוין ניט...

אין פּאַרק זיצן מענטשן, קוקן אויף די באַשעפענישן אין דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן און וואַרפן דערביי אַ לעצטן בליק אויף די אַראָפּגעפאַלענע געלע בלעטער, וועלכע ווערן צעטראָגן פו די נייע האַרבסט־ווינטעלעך.

ס'איז האַרבסט. די פאַרוויאַנעטע בלעטער האָבן ניט קיין כח זיך געזעגנ־צושטעלן. דער בוים טרייסלט זיי אַראָפּ פון זיך און זיי — געפאַלענע, אין בלאָטע געזונקענע — האָבן ניט מער קיין פּנים ביי מענטשן, ווערן זיי גע־טראָטן און געוואָרפן פון גאַס צו גאַס...

אַרום אַ גרויסן אַלטן בוים גרופּירן זיך טייבעלעך, ווי דער פּאַרק וואָלט זיין זייער פּאַך־בירזשע וואו זיי קומען פאַרדינגען די הענט און פאַרדינען אויף ברויט...

די טייבעלעך שפּרינגען, טאַנצן, קוקן דעם מענטשן גלייך אין מויל אַריין. אָט, פּילט יעדעס טייבעלע, וועט ער, דער מענטש, באַלד אַ וואָרף טאָן אַ הויפן אָפּגעשיילטע ניסלעך אָדער קערלעך; זי גרייט זיך צו כאַפּן און אויב נויטיג אַרויסכאַפּן דעם ביסן ברויט — דאָס ניסעלע ביי איר קאָלעגע טייבעלע. דאָס פרדילעך טייבעלע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ כאַפּעריין. ווען עס קומט צו עסן — זיינען די שטילע טייבעלעך כמעט ווי מענטשן... מ'רייסט זיך פאַרן ביסן ברויט.

צווישן דער גרופּע טויבן געפינט זיך איינע עפּעס אַ דערשלאָגענע, אַ קריפּל. זי הינקט אויף אַ פוס. זי שטייט אַ ביסל אָן אַ זייט און וואַרט אויף דעם צופאַל וואָס אַ קערעלע דערקייקלט זיך צו איר זייט, אָבער באַלד שפּרינגט צו אַ געזונטע, אַ פלינקע, גיט דער הינקענדיגער אַ שאַר אַוועק אָן אַ זייט און פאַרכאַפּט דאָס קערעלע.

די טייבעלעך האָבן, ווייזט אויס, זיך אויסגעלערנט מענטשלעכע קונצן, די קונצן פון כאַפּ־לאַפּ...

צווישן דער גרופּע טויבן שפּרינגען אויך אריין פויגעלעך, וועלכע שאַפן גלייך דעם איינדרוק פון דעם שוואכן געשלעכט, די פרוי אין דער קאָנ־סערוואטיווער געזעלשאַפט. דאָס פייגעלע מעג פליען, שפּרינגען, טאַנצן, אָבער גלייכהייט — דאָס ניט...

און אַרום און אַרום צווישן די גראָז־קוסטן שאַרט זיך אַ וועווריק. עפּעס דאַכט זיך אויס, אַז אים פעלט אַ היים. מ׳ווייסט ניט צי ער האָט אַ נעסט, אַ ווינקל אין דער גרויסער וועלט. אָט לויפט ער אויף אַ בוים, אָט שפּרינגט ער אויף אַ באַנק; ער איז צעשראָקן, ער ווייסט קיינמאָל ניט דעם ציל פון דער האַנט, וואָס דער מענטש שטרעקט אויס פאַר אים מיט ברויט — מיט אַ ניסל. ער לויפט אַרום ווי דער וואַנדערנדיגער איד און ווייס ניט וואו ער קאָן זיך פילן זיכער... און אַז ער כאַפּט שוין דאָס ניסל, לויפט ער מיט דעם; ער מוז עס פאַרבאַהאַלטן פאַרן מאָרגענדגן טאָג. אויף גיך, לעבן אַ קוסט פון אַ בוים, גיט ער אַ שאַר מיט די פיסלעך, מאַכט אַ גריבעלע, מיטן פיסקעלע רוקט ער אריין דאָס ניסל, און ווידער מיט די פיסלעך פאַר־שאַרט ער דאָס פּלאַץ. ער פילט שוין, אַז ער האָט זיך באַזאָרגט מיט שפּייז פאַרן ווינטער, אויף אַ רעגנדיגן טאָג...

אַ גרויסער חזיר, וועלכער שפּאַנט אַרום און פילט זיך פריי און ווי עס וואָלט געווען זיין וועלט, גיט מיטן שנוק אַ גראָב, אַ ראַיע אונטערן בוים און — שוין, עס איז קיין סימן ניטאָ פון דעם ביסן ברויט, וואָס דער צעשראָקענער וועווריקל האָט זיך פאַרגרייט...

מענטשן גייען, גייען. ניט אַלע זעען, ניט אַלע ווילן זען און — ניט אַלע קאָנען זען אָט דאָס קליין וועלטעלע, דאָס וועלטעלע וואָס שפּיגלט אָפּ די גרויסע וועלט — די וועלט פון כאַפּ־לאַפּ, די וועלט פון גרויסע טויבן... גרויסע פויגל... גרויסע וועוויאָרקעס... און — גרויסע חזירים...

שאָקלען זיך ווי ברוגז׳ע די צווייגן אויף די ביימער און פון זייער גע־בריל און געפּייף הערט זיך ווי אַ לאַכן: אַ מאָדנע וועלט, אַ משוגענע וועלט! פאַראַן אַזויפיל וואָס צו עסן, אַזויפיל ניסעלעך, און קערעלעך, און בולבעס, און קאָרן — צו וואָס דאָס כאַפּן? ווער וועמען האָט געלערנט: דער מענטש דער חיה — צי די חיה דעם מענטש?

ס׳איז האַרבסט, דאָס ווינטעלע בלאָזט, אָבער — ס׳וועט קומען אַ נייער פרילינג!...

האָ־וויץ־ערס

נעבעך פּאַר צרות

— ווי שעמט איר זיך דאָס ניט?! אין דער איצטיגער צייט, ווען די וועלט גייט אָפּ אין בלוט און אייער אייגן קינד איז אויפן שלאַכטפעלד, זיצט איר טאָג און נאַכט און שפּילט אין קאָרטן?

— וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר? איך שפּיל דען פאַר פאַרגעניגן? איך וויל פּשוט מיין אומעט פאַרטרייבן.

— אויב אַזוי זשע, פאַרוואָס האָט איר געהאַקט אַ פּויקער נאָך פאַר דער מלחמה?

— נאַריר, נו! איך האָב דאַן געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן?...

אידישע קינדער

טענה׳ן צוויי מאַמעס:

— נו, וואָס גייט אויפנעמען אייער היימי אין סקול צו לערנען?

— מיין היימי וויל ווערן אַ סטאַטיסטיקער. די אַנטיסעמיטן האַלטן זיך שטענדיג אין אָפּרעכענען מיט די אידן, זאָגט ער, אַז ער וויל קאָנען זיך אָפּרעכענען מיט זיי...

— און מיין דזשייקי וויל זיין אַ שפּראַכן־קענער, ווייל, זאָגט ער, ער ווייס קיינמאָל ניט אין וועלכן לאַנד מ׳וועט אים אַריינלאָזן...

מלחמה

טענה׳ט אַ פרוי:

די מלחמה רואינירט מיין לעבן. אויף דער ראַדיאָ — מלחמה, אין די צייטונגען — מלחמה, אין די מואווים — מלחמה, און אַז איך זאָג מיין מאַן ער זאָל מיר אויפהערן צו רעדן פון מלחמה — ווערט אַ נייע מלחמה...

שוין?

— אַלע טאָג שלעפּסטו זיך אַרום מיט אַנדערע געליבטע! נאָך אַלעמען, ווי טראַכט דאָס ניט אַ מענטש אַז מיר לעבן איצט אין מלחמה־צייט?

— וואָס איז, מ׳האָט שוין געליבטע אויך „גערעישאַנט״?...

ס׳אַ ביטערע צייט

— דו וואַרפסט צוקער אין גלאָז ווי עס וואָלט גאָר קיין מלחמה ניט געווען.

— גערעכט, טייערינקע. אָבער פאַרגעס ניט, אַז איצט איז צען מאָל מער ביטער ווי אַמאָל...

צווישן געפאַלענע

— אַמאָליגע פירער, — גרויסט זיך אַ נאַצי, — פלעגן פאַלן פאַר זייער פאָטערלאַנד, אָבער היינט — — —

— היינט, — רופט זיך אָן איין דייטש צום צווייטן, — היינט וועט דער „פירער" פאַלן און מיטשלעפּן דאָס לאַנד...

זאָל ער הענגען!

— היטלער איז ניט קיין דייטש, — שרייט אַ נאַצי צו זיינע צוהערער, — ער איז אַן עסטרייכער.

— וואָס הייסט דאָס? — האָט די געסטאַפּאָ אים גלייך גענומען אויף אַ פאַרהער. — איר, אַן אויסגעהאַלטענער נאַצי, זאָלט אַזוי רעדן?

— פאַרשטייט איר מיך, — האָט דער נאַצי זיי גענומען באַווייזן, — די עלאַים קאָנען נאָך פאַר׳משפּט׳ן אונזער פירער צו הענגען, טאָ זאָל בעסער הענגען אַן עסטרייכער, אַבי ניט קיין דייטש...

געמיסטיגט די פעלדער

— אין די אוקראַינער פעלדער וועט איצט זייער גוט וואַקסן, נאָך בעסער ווי ווען עס איז פריער.

— פאַרוואָס?

— די פעלדער זיינען גוט אויסגעמיסטיגט געוואָרן מיט אַ פּאָר מיליאָן נאַצים...

ער גרייט זיך

— פאַרוואָס הויבט איר ניט די הענט מיט דעם „הייל היטלער״? — האָט אַ נאַצי־אָפיצער בייז אויסגעשריען.

— מיר שפּאָרן כוח, — האָט שלאָבעריג געענטפערט אַ סאָלדאַט, — צו קאָנען הויבן די פיס...

ער מוז בלייבן . . .

— לאָמיר זיך אונטערגעבן צו דער רויטער אַרמיי, — האָט אַ נאַצי געראָטן זיין גרופּע סאָלדאַטן.

— וואָס הייסט?

— פאַרגעסט ניט, אַז דער „פירער״ האָט אָנגעזאָגט: מיר מוזן זיך האַלטן אין רוסלאַנד אונטער אַלע אומשטענדן...

עס פעלט . . .

— ביטער, ביטער! — רופט אויס דער פּילאָט צום נאַצי־אָפיצער, זינקענדיג מיטן עראָפּלאַן.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין: פריער האָב איך זיך ניט געוואָלט אויפהויבן — האָט מיר געפעלט מוט, איצט וויל איך זיך ניט אַרונטערלאָזן — פעלט אויל...

פאַרנוצט די אויל . . .

— וואָס דענקסטו איז די אורזאַך פון אונזערע מפּלות אין איטאַליע? — שמועסן צוויי דייטשן צווישן זיך.

— אויל! — ווייזט אָן איינער.

— ניכט וואר! — זאָגט דער צווייטער. — שוין אין די ערשטע יאָרן פון פאַשיזם האָט מוסאָליני געוויזן, אַז ער האָט גענוג אויל און אפילו גע־גאָסן אויל זיינע בירגער אין האַלז אַריין.

— יאַ, אָבער מיט קאַסטאָר־אויל קאָן מען ווייט ניט פליען...

געווירקט פאַרקערט

דאַכט זיך, אַז די קאַסטאָר־אויל האָט מוסאָליני איינגעגעבן די איטאַ־ליענער און — די דייטשן לויפן גאָר...

אַ פּאַטריאָטקע

— ווי דערלויבט זיך דאָס אַ מיידל אַרומצולויפן גאַנצע נעכט מיט באָיעס, — שרייט די מאַמע, — ספּעציעל אין מלחמה־צייט ? !

— מאַמע, איך גיי נאָר מיט סאָלדאַטן.

רשע — און ראָשע

דער קאַמף צווישן די נאַציס און סאָוועטנלאַנד איז אַ קאַמף צווישן רשע און — סאָוועט־ראָשע...

ניט נאָר זיינען די נאַציס צעטומלט פון די סאָוועטישע קלעפּ, אַלעוואַי זאָל גוט זיין מיט געוויסע עקספּערטן און קאָמענטאַטאָרן. אַ סך פון זיי פעלט שוין אויך אויס אַ ליגן צום האַנט און דער אמת — טוט וויי...

אַ קשיא אויף היטלער׳ן ? אויב ניט די וועלט פאַרכאַפּן, איז י ע נ ע וועלט. קאָן זיין, דערפאַר שיקט ער אַזויפיל פינף־קאָלומניקעס צו פאַרכאַפּן דאָרטן פּאָזיציעס...

היטלער וועט מוזן איצט אָפּשאַפן דעם הייל־היטלער, די דייטשן זיינען פאַרנומען מיט האַלטן זי ביי די הויזן, ניט צו פאַרלירן...

אַ פערד קאָן פירן אַ סך יאָרן עלעקטרישן לאָמפּן און דאָך אַריינפאָרן ווי אַ בלינדער פערד אין גרוב אַריין.

צום באַדויערן, האָבן מיר נאָך אַזעלכע פירער אויף דער וועלט.

קאנסערוואטיווע פירער גרויסן זיך, אז זיי בייטן קיינמאל ניט זייערע פאליסים (א חוץ, פארשטייט זיך, די אינשורענס־פאליסים).

ביי אונז אין שטעטל איז געווען א צעדרייטער, יאנקעלע קראצער. ער האט אויך געזאגט, אז ער וועט זיין אלטע העמד ניט בייטן אויף צען נייע...

די רייד פון די „אפיזערס" געגן שלאגן דעם שונא — שלאגן שוין צום הארצן...

נאצי־מערדער וועלן געמשפט ווערן אויפן ארט וואו זיי זיינען באגאנגען זייערע פארברעכנס.

אויב אזוי, וועלן א סך דייטשן ווידער האבן די געלעגנהייט צו זאגן, אז זיי זיינען אריין אין סאוועטנלאנד...

נאצי־דייטשלאנד האט געבראכט דער וועלט א סך פינצטערניש. דערפאר צאלט איצט די דעמאקראטישע וועלט צו דייטשלאנד — מיט ליכטיגקייט. אי, ברענט זי!...

מעג מען אפשאפן דעם „דים־אוט" — די וועלכע ווילן ניט זען, וועלן שטענדיג בלאנדזשען...

די צרה איז נאך ערגער מיט די, וועלכע ווילן ניט זען און זיי קריכן דווקא אויף די גלייכע וועגס...

צו דורכברעכן דעם וועג פארן אמת איז א סך מאל שווערער, ווי דורכצוברעכן די פראנט־ליניע פונעם שונא...

זאגט מיין מאמע: א מאדנע זאך מיט דער רויטער ארמיי — סך־הכל זיינען זיי נאך גאר יונג און שכל האבן זיי ווי אלטע פאך־לייט...

אַ מיטל

— וואָס טויג מיר אַ „סילינג” אויף ברויט, אַז וויפיל ברויטלעך איך זאָל ניט ברענגען אין הויז ווערן זיי איינס און צוויי צעפלאַכטן?

— אויב אַזוי, דאַרף מען האַלטן אייערע ברויטלעך אויפן סילינג...

ניין!...

— האָסט זיך ארומלעשלעפט אַ גאַנצע נאַכט מיטן סאָלדאַט?

— ניין, מאַמע, מיר זיינען געשטאַנען אין קאָרידאָר...

פאַרזיכטיג

— דו ווייסט, קינד מיינס, מ׳דאַרף זיין פאַרזיכטיג צו אַרומגיין אין די „דים־אוט”־אָוונטן.

— געוויס, מאַמע, דערפאַר גיי איך אַלע מאָל ארויף מיט דזשייק׳ן צו אים אין צימער...

אַלע חלומות — — —

— וואָס טוען עפּעס אין דיין בעט האָר־שפּילקעס? — פרעגט די פרוי מיט פאַרדאַכט.

— אַה, מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט, אַז איך אַרבעט ביי דעם, האָב איך גענומען עטלעכע סעמפּלס. דאָס איז דאָך איצט פאַר קיין געלט ניט צו קריגן...

אין טענקסגיווינג דעי

— די דייטשן דאַרפן דאַנקען היטלער׳ן פאַר אַלעם גוטן, וואָס זיי האָבן, — פּראָפּאַגאַנדירט אַ נאַציכע ביי אַ מיטינג.

— נו, און וועמען זאָלן מיר דאַנקען, — שרייט איינער אויס, — ווען מיר האָבן ניט קיין היטלער?

— דאַנקט גאָט, — האָבן אַלע אַ געשריי געטאָן.

היטלער האָט פאַרזיכערט דער וועלט, אַז ער וועט ניט אַרונטער פון זינען. אָט דאָס הייסט אַ משוגעת...

ערזאַץ-מענטשן

— וואו, דענקסטו, נעמען די היטלעריסטן אזויפיל מענטשן פאר דער ארמיי ?

— ס׳איז ניט קיין מענטשן, ס׳איז נאַצישער ערזאַץ.

געהיימע וואָפן . . .

— זאָלן נאָר קומען די רוסן אין בערלין — זאָגט א דייטש מיט א וואונק פון אויג.

— איז וואָס וועט זיין ? — פרעגט פאַרוואונדערט א צווייטער.

— וואָס וועט זיין ? זיי וועלן אויסשטאַרבן פון הונגער... ווייל מיר האָבן אליין ניט וואָס צו עסן.

איר אַרט ניט

— געוואַלד, ווי באַגראָבט מען היטלער׳ן ? — שרייט א פרוי.

— זאָל ער נאָר זיין טויט, — באַרואיגט איר דער מאַן, — אַרט מיר ניט, אויב ער וועט ל י ג ן ניט-באַגראָבן...

אים ליגט זיינס אינזינען

— וואָס דענקסטו, פריץ, וועלן מיר ווען דערגרייכן קאַווקאַז ? — פרעגט באַזאָרגט איין נאַצי א צווייטן.

— ביי מיר איז א פראַגע : ווי דערגרייכט מען בערלין ?

גרויסט זיך א דיכטער : איך בין שטאָלץ, היטלער האָט פאַרברענט מיינע ביכער. דאָס באַווייזט, אז מיין שרייבן איז עפּעס ווערט פאר דער מענטש-הייט.

— אויב אזוי, מעג איך אויך פילן שטאָלץ, — זאָגט א צווייטער דיכטער, — מיין רעדאַקטאָר האָט מיר אויך געזאָגט, אז מיין שרייבן טויג אויפן פייער.

ער וועט איינגעמען

— ווען היטלער וועט האָבן פאַרנומען די גאַנצע וועלט, — פרעגט איינער, — וואָס וועט דאַן זיין?

— דאַן, — זאָגט אַ צווייטער, — וועט ער גיין אויף יענער וועלט.

— איצט פאַרשטיי איך שוין, — זאָגט אַ דריטער, — דערפאַר שיקט ער דאָס אַזוי פיל נאַצים אויף יענער וועלט — צו זיין די פינף־קאָלומניקעס...

די לופט־שיף איז דער גרעסטער סנאָב — קוקט שטענדיג פון אויבן אַראָפּ...

היטלער׳ס אויטאָריטעט איז גרויס אין דער דייטשער אַרמיי: עטלעכע מיליאָן נאַצי־סאָלדאַטן האָבן אויסגעפירט זיין באַפעל און זיינען אויף אייביג פאַרבליבן אויף סאָוועטישער ערד...

אין געוויסע צייטונגען הויבט זיך אָן דער פינפטער קאָלום פון דעם סאַמע ערשטן קאָלום.

ער זוכט אַ „סילינג"

אַן אָרימאַן קומט אין אָפיס פון דער פּרייז־אַדמיניסטראַציע. פרעגט מען אים:

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איך וויל אַ סילינג, — ענטפערט יענער.

— מיט וואָס האַנדלט איר?

— מיטן דלות. איך האָב אַ הייזקע מיט צוויי מאָרטגעדזשעס און מיט אַ צעבראָכענעם דאַך. אַז עס גייט אַ רעגן, רינט אַריין, וויל איך אַ נייעם סילינג.

אַ שכל אַזאַ

— וואָס איז דער שכל פון אַ „בלעק־אוט"?

— ס׳איז אַ מיטל, אַז היטלער׳ן זאָל פינצטער ווערן אין די אויגן.

אַ פּאַטריאָט

— נעם, קינד מיינס, — בעט זיך אַ מאַמע, — עס די ראָזשינקעס. מ׳קריגט פון דעם אייזן.

— אייזן? — דערפרייט זיך דאָס אינגעלע, — שיק די ראָזשינקעס צו דער רעגירונג. מ׳דאַרף אייזן צו געווינען די מלחמה.

האָלד-אָפּניקעס

— פונוואַנען שטאַמט דער נאַצי־סאַלוט, צו אויפהויבן די הענט?

— פון דעם גענגסטערישן „הענדס־אָפּ!"...

צוויי אידן

אין דייטשלאַנד, ווען אַ איד וויל עפּעס פרעגן ביי אַ נאַצי, מוז ער אָנפאַנגען מיט די ווערטער: „איך בין אַ איד."

באַגעגנט אַ איד אין דער געטאָ אַן אַלטע דייטשקע און גיט אַ זאָג צו איר:

— איך בין אַ איד.

די דייטשקע האָט פאַרשעמט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ:

— און איך, איך בין אויך אַ איד, נאָר אַ מכה ווייסן זיי...

פיין, זייער פיין!

באַרימט זיך אַ נאַצי אויף אַ מיטינג:

— אין דער דייטשער אַרמיי האָט אַ סאָלדאַט, אָנשטאָט שלאָפן אין אַ אידישער הויז, בעסער פאַרפרוירן געוואָרן אין דרויסן, און אַ פאַרוואונדעטער סאָלדאַט איז בעסער אויסגעגאַנגען, איידער זיך לאָזן איינשפּריצן אידיש בלוט.

אַ צוהערער האָט אויסגערופן:

— פיין, זייער פיין! אַלע נאַצים דאַרפן נאָכטאָן דעם ביישפּיל...

דער איד מיינט גוט ...

שטייט א איד אין קאנצענטראציע־לאגער מיט די הענט פאררײסן צום הימל און רופט:

— גאטעניו, שיק היטלער׳ן אזא אומגליק, ער זאל אן די אידן פארגעסן.

א געשטאפא־אגענט האט דאס דערזען, רופט ער זיך אן צום אידן:

— יודע, מיט בלויז איין האנט אין דער הויך רופט מען אויס „העיל היטלער״.

— איך מיין, — זאגט דער איד, — אז מיטביידע הענט איז שטארקער...

כשר פאר וועגעטאריער ...

— איך בין גרייט צו געבן מיין לעבן פאר מיין לאנד, — זאגט דער נייער רעקרוט, — אבער — אבער איך בין א וועגעטאריער.

— נו, איז וואס? — צעלאכט זיך דער רעקרוטינג־קלוירק, — איר וועט דען די נאצים דארפן עסן?...

אויף תכריכים געגוג שטארק

— ווי איז דאס מעגלעך פאר די דייטשע סאלדאטן צו קליידן זיך אין פאפירענע אוניפארמס? — פרעגט איין בירגער א צווייטן.

— עס איז פארשטענדלעך, זיי האבן נישט לאנג צו טראגן דעם אוניפארם... זיי קריגן דעם טויט איינס און צוויי, און פאר תכריכים איז דאס גענוג שטארק...

צרות רבים ...

— איך וויים ניט פארוואס קלאגן אזוי די אידן? — זאגט איינער סארקאסטיש. — איך גלויב, אז איצט איז אונז אידן א סך פריילעכער. אמאל זיינען מיר אליין געווען אין גלות, איצט — איצט האבן מיר אזויפיל גלות־רעגירונגען...

ער וועט ליגן אַליין . . .

טענה'ט א פוילישער אנטיסעמיט:
— בלויז איין זאך פארדריסט מיך אויף היטלער'ן, פארוואס ער זעצט אין די געטאָס די פּאליאַקן מיט די אידן אויף איין באַנק.
— נו, — זאָגט א איד, — דערפאר אז עס וועט קומען צום ליגן, וועסטו קאָנען ליגן אליין!...

ער ליגט איינגעלייגט

קריגט זיך אַן איטאַליענישע פרוי מיט איר דזשענט־טאָר, שרייט זי:
— זע נאָר, ער איז דאָ געוואָרן א גאַנצער היטלער! געוועלטיגט דאָ אין הויז ווי היטלער אַמאָל אין איטאַליע...
— יאָ, שרייט צוריק דער דזשענט־טאָר, — אָבער פארוואָס טוסטו ניט ווי מוסאָליני? ער האָט שוין זיין פּיסק פארמאַכט.

פאַר אונזער וויקטאָרי

— וואָס איז די באַדייטונג פון „ווי"?
— „ווי" — פאר וועמען?

אַבי מ'זאָגט: אַ הונט אַ הונט בייסט ניט

דאַכט זיך, היטלער האלט זיך פאר א וועגעטאַריער, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער מוסאָליני'ן איינגעשלונגען...

ער וואַקסט אַ פּאַטריאָט

א זויג־קינד וואַרפט אַרויס די גומקע פונעם מויל, דערפרייט זיך די מאַמע:
— זע נאָר, ער וואַקסט דאָך א רעגעלער פּאַטריאָט! ער ווייסט שוין, אז מ'דאַרף שפּאָרן ראָבער...

די פרייזן שפרינגען

קאכט זיך א קאסטאמער אין א רעסטאראן דערזעענדיג די הויכע פרייזן:
— געוואלד געשריען! מ׳זאגט דאך, אז מ׳האט איינגעשטעלט א "סילינג"! וואס קריכן אייערע פרייזן אויף די גלייכע ווענט?...

אויפגעלעבט...

אלטע מאמע שפאסט צו איר טאכטער:
— זעסט, אז אויף אלץ קומט א צייט. אט נעמט זיך אן דער פרעזידענט אונזער קריוודע, ער זאגט מ׳זאל קיין אלטווארג ניט ארויסווארפן, ווייל די רעגירונג דארף דאס האבן...

יא, ערזאץ...

דערציילט איין דייטשע פרוי א צווייטער:
— ווייסטו, אז די מאדאם קנאבלווורשט האט געבוירן א זון פאר אונזער פאטערלאנד?
— אבער ווי איז דאס מעגלעך? — בלייבט שטיין פארוואונדערט די צווייטע, — איר מאן איז דאך שוין טויט אויפן פראנט איבער א יאר.
— אבער דייטשלאנד האט ערזאץ... ליבע פרוי, — פארזיכערט די ערשטע נאציכע.

זי וויל א צווייטן פלאר

מענטשן זיצן ביי א געגנט־מיטינג און הערן אויס די אינסטרוקציעס פון דעם עיר־רעיד ווארדן. ער זאגט אן: ווי גיך די באמבערס נעמען קראכן, זוכט זיך צו באשיצן. דער בעסטער פלאץ איז אויפן צווייטן פלאר.
א פרוי פון דעם געגנט, וועלכע וואוינט אין אן איין־שטאקיגע הויז, שרייט אויס צו איר מאן:
— מאריס, האלעוואי זאל מען ניט דארפן, גרייט צו א לייטער, מיר זאלן כאטש קאנען ארויפקריכן אויפן דאך...

װעמען איז בעסער?

— װעמען, דענקסטו, איז בעסער, אַ סאָלדאַט צי אַ מאַטראָס?

— איך דענק אַ סאָלדאַט, װײל אַ מאַטראָס האָט אַ מײדל אין יעדן פּאָרט, אָבער אַ סאָלדאַט האָט אַ מײדל אין יעדער שטאָט, און ניט יעדע שטאָט האָט אַ פּאָרט.

טױגן טױג ער . . .

— װאָס גײסטו מיר עפּעס אַרום אַלײן? — פרעגט אײן מאַן אַ צװײטן.

— מײנע איז אװעק אין אַ מואַװי.

— אין אַ מואַװי? און מײנע איז אַװעק אין דער אַרמײ.

— נו, און דו אַלײן?

— איך בין שױן צו אַלט.

— צו אַלט? דו האָסט געדאַרפט האָבן מײן װײב, װאָלט זי דיר שױן מיט די מואַװיס און קאָרטן געקירצט די יאָרן...

— טאָ אױב אַזױ, — לאַכט יענער, — פאַרװאָס גײסטו ניט?

— חכם אײנער! װעלכע רעגירונג װעט דאָס נעמען אױף זיך צו סופּאָרטן מײן װײב?...

אין דר׳ערד

מ׳רעדט פון אונטערערדישע באַװעגונגען אין נאַצי־לאַנד. שפּאַסט אַ סאָלדאַט:

— איך גלױב, אַז די נאַציס האָבן איצט אין סאָװעטנלאַנד די גרעסטע צאָל סאָלדאַטן אונטערערדיש.

— װי אַזױ?

— זײ ליגן אין דר׳ערד!...

זיך אויסגעלערנט . . .

— מיר, טרייסט זיך אַ יאַפּאַנעזער, — וועלן קאָנען אַמלענגסטן אויס־האַלטן די מלחמה. מיר זיינען קליינע מענטשעלעך און דאַרפן קיין סך ניט עסן.

— אויב אַזוי, — זאָגט אַ נאַצי, — וועלן מ י ר אַמלענגסטן אויס־האַלטן. מיר זיינען אויבערמענטשן, מיר האָבן זיך שוין באַלד אויסגעלערנט גאָרניט צו עסן...

אויב עס געפעלט דיר, נו?

— דו ווייסט, מיין טייערער, — זאָגט אַ מיידל צו אַ סאָלדאַט, וועלכער איז געקומען אויף אַ באַזוך אַהיים, — עס געפעלט מיר אַזוי דיין אוניפאָרם, אַז איך וואָלט ניט מיד געוואָרן צו קוקן אויף דעם.

— נו, נו, מיין טייערע, — ענטפערט איר דער סאָלדאַט, — שליס זיך אָן אין דער פרויען־אַרמיי, וועסטו האָבן אַן אייגענעם אוניפאָרם.

אַ שיינע מתנה

— נאַ, מיין ליבסטע, — רופט אויס מיט פרייד אַ סאָלדאַט צו זיין געליבטער, — איך האָב דיר געבראַכט אַ מתנה אַ יאַפּאַנאַצישע היטל.

— ווי אַזוי האָסטו דאָס געקראָגן? — וואונדערט זיך די מיידל.

— מיט דער יאַפּאַנאַצישער קאָפּ, — לאַכט דער סאָלדאַט.

געפּאַקט אַ חיה

אַ רויט־אַרמייער האָט געפּאַקט אַ נאַצי־פּאַראַשוטיסט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ דאָרף.

— וואָס טוסטו דאָ? — גיט אים שטרענג אַ פרעג דער רויט־אַרמייער.

— גלויב מיר יאָ, צי גלויב מיר ניט, — זאָגט דער נאַצי טאַמעוואַטע, — איך בין דאָ געקומען איינהאַנדלען פאַר מיין ווייב אַ פוטערנעם מאַנטל.

— גיב מיר איר אַדרעס, — צעלאַכט זיך דער רויט־אַרמייער, — וועל איך איר שיקן דיין נאַצי־פעל.

עס ווערט זיי גרינגער . . .

— פונוואַנען נעמען זיך אַזויפיל זעלבסטמאָרדן אין די נאַצי־אָקופּירטע געגנטן ? — וואונדערן זיך מענטשן.

— גאָר פשוט, מיט דעם אַריינדרינגען פון די נאַציס, פּרובירן זיך מענטשן פאַרגרינגערן...

איין פליכט . . .

— שווער צו זיין אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, — שפּאַסט אַ בירגער, — אַלץ מוז דער בירגער טאָן. ביי די נאַציס טוט דער „פירער" אַלץ פאַרן בירגער. ער, דער בירגער, האָט בלויז איין פליכט פאַר זיין פאָטערלאַנד — גע׳הרג׳עט ווערן...

אַ ניי בלעטל . . .

— פאַרוואָס, דענקסטו, לאָזט היטלער פאַלן אַזויפיל סאָלדאַטן אויפן פראָנט ? — פרעגט איין סאָלדאַט אַ צווייטן.

— וואָס פאַרשטייסטו ניט היטלער׳ס טאַקטיק ? ער וויל אַ פינפטן קאָלום אויף יענער וועלט.

— אָבער לויט זיין בוך „מיין קאַמף", פּלאַנירט ער דאָך ניט צו פאַר־נעמען יענע וועלט ? — שפּאַסט דער צווייטער.

— אָט דאָס נייע בלעטל האָט אים שוין דער רויטע אַרמיי צוגעשריבן...

ער פאַרשטייט איין שפּראַך

שמועסן סאָלדאַטן צווישן זיך.

— איך האָב אַ גרויסן פאַרלאַנג צו לערנען זיך דייטש, — זאָגט איינער.

— וואָס דיר קאָן איינפאַלן ! — זאָגט פאַרוואונדערט אַ צווייטער.

— פאַרשטייסט, סוף־כל־סוף ווען מיר וועלן קומען אין בערלין, וויל איך אַז די דייטשן זאָלן אונז פאַרשטיין.

— זיי ניט קיין נאַר ! — צעלאַכט זיך דער צווייטער. — פאַר די נאַציס דאַרפסטו אַ קויל — ניט קיין צונג...

אַנטקעגן דעם . . .

— אך, — זאָגט מיט בענקשאַפט אַ סאָלדאַט, — דעם אַפּיצער׳ס הונט „טוצי" דערמאָנט מיך אָן מיין געליבטער, ווייל אויך איר פלעג איך רופן אין אַ שפּאַס „טוצי".

— און מיין הונט, — זאָגט אַ צווייטער סאָלדאַט, — דערמאָנט מיר אָן היטלער׳ן. ער איז משוגע געוואָרן און מ׳האָט אים געמוזט דערשיסן...

ניט לאַנג

— ווי לאַנג דינט אַ דייטשער סאָלדאַט אין דער ארמיי?

— ביז מ׳שיקט אים צום פראָנט.

— וואָס הייסט?

— אָדער ער ווערט גע׳הרג׳עט, אָדער ער גיט זיך איבער אין פלען...

אויף אַ רפואה

— דו וועסט זען, — זאָגט אַן עלטערער איד, — היטלער וועט נאָך זוכן אַ אידן אויף אַ רפואה.

— ס׳הייסט?

— ווייל ער וועט אַלץ מוזן אויסקרענקען...

מאַכט זיך נולן . . .

— וואָס הייסט אַ דאָלער־פּאַטריאָט?

— דער וואָס טוט גאָרניט, מאַכט צו נולן צום איינס...

פאַר מיין לאַנד

— פאַר וואָס שלאָגסטו זיך? — פרעגט אַ רויט־ארמייער ביי אַ געפאַנגענעם נאַצי.

— פאַר מיין פאָטערלאַנד! און דו, פאַר וועמען שלאָגסטו זיך?

— פאַר מיין אייגן־לאַנד! — ענטפערט דער רויט־ארמייער.

ער זיך אויף צו עסן

טענה׳ט א מאן צו זיין פרוי: די רעגירונג אפעלירט, אז מ׳זאל אליין „רעישאנען״ פלייש, אפשר וואלסטו זיך אויפגעהערט צו עסן דאס הארץ...

עס טויג אויף „סקרעפ״

א פרוי בעט איר מאן ארונטערצוגיין און עפעס קויפן, אזוי איינמאל און א צווייטן, אבער ער דרייט זיך אוים און מאכט זיך ניט וויסנדיג.

ביי א צווייטער געלעגנהייט גיט אים די פרוי א פרעג:

— וואס, דענקסטו, זאל מען טאן מיט די זאכן אין הויז פון וואס מ׳קאן שוין גאר קיין נוץ ניט האבן?

— גיב אוועק אין „סקרעפ״, — זאגט גוטמוטיג דער מאן.

— נו, — שפאסט די פרוי, — ווען דו פאלגסט מיר כאטש איין גאנג, פעקלסטו זיך אריבער אין דעם „סקרעפ־יארד״...

זאל ער זיך הענגען!

אין א דייטשער היים, וואו די נאציס האבן אלץ צוגענומען און גענומען אוועקגיין, קערט זיי אום אן אלטע פרוי און פרעגט זיי איבער:

— וואס האט איר געזאגט, דאס איז אלץ פארן פירער? אויב אזוי, איז נאך פאראן אויפן בוידעם א שטארקע שטריק, אויף וועלכער איך הענג וועש...

ער פארשטייט א געשעפט

פרעגט דער עלטסטער זיין נייעם רעקרוט:

— ווען דו באגעגנסט זיך אויפן שלאכטפעלד פנים אל פנים מיטן שונא׳ס ארמיי, וואו דארפסטו אנטלויפן?

דער רעקרוט קוקט דערשטוינט:

— איך לויפן? איר מיינט, וואו דארפן זיי לויפן?...

דער הונט — איז דער הויפט

אין א נאצי קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואו עס זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אידן צוזאַמען מיט פּוילישע אַנטיסעמיטן, איז אַן אַנטיסעמיט פאַרבייגעגאַנגען א אידן ווען ער איז געשטאַנען און מיט גרויס התמדה געזאָגט: „אתה בחרתנו מכל העמים”. דער פּוילישער אַנטיסעמיט האָט א געשריי געטאָן צום אידן: „נעם אַרונטער די היטל, דו זשיד!” אינדערמיט איז אַריינגעקומען א נאַצי־וועכטער מיט אַן אָרדער פונעם הויפט, האָט ער א געשריי געטאָן צום פּאָליאַק: „העיל היטלער!” אין דער צייט ווען דער נאַצי־וועכטער האָט א הויב געטאָן די האַנט מיטן „העיל היטלער”, האָט זיך דערשראָקן דער הונט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר. דער נאַצי, ווידער, האָט זיך דערשראָקן פאַרן הונט און אַרונטערגעלאָזט זיין האַנט צום שטעקן. ווען ער האָט שוין באַרואיגט דעם הונט און זיך אַליין, גיט ער א פרעג די אַרומיגע: וואו איז דער הויפט?

אינסטינקטיוו האָבן אַלע העגט א וויז געטאָן צום הונט: — אָט איז ער!

דער הונט האָט ניט וואָס צו זאָגן

אין א גראָסערי־סטאָר האָט זיך געפונען א הונט, וואָס איז געווען א גרויסער בילער, האָבן חברה אים א נאָמען געגעבן — היטלער.

א נאַצי פונעם געגנט האָט אָנגענומען, אַז דער גראָסערימאַן מוז זיין א פריינט פון די נאַצים. איין טאָג קומט ער אַריין בעטן אַן אָרדער אויף באָרג און גיט דערביי אָן זיין יחוס:

— איך קען, זאָגט ער, — היטלער׳ן פּערזענלעך.

דער גראָסערימאַן האָט אים אָנגעקוקט און גלייך געענטפערט:

— ביי אונז אין די ביזנעס האָט דער הונט דערווייל גאָרניט וואָס צו זאָגן...

וויל זיין פון די ערשטע

— וואָס רייסטו זיך אַזוי צום פראָנט? — פרעגט איין דייטשער סאָלדאַט א צווייטן.

— זיי ניט קיין נאַר, קום מיט מיר, — זאָגט אים פריינטלעך אויפן אויער דער צווייטער, — מיר וועלן אַזוי זיין פון די ערשטע אין פּלען...

ער וויל וויסן

דער אינסטרוקטאָר גיט איבער דעם יונגן רעקרוט אַ ביקס אין האַנט און זאָגט אים אָן:

— ציל גלייך און שים גלייך, וועסטו טרעפן דעם שונא אין האַרץ אַריין.

שטאַמלט נאַאיוו דער יונגער רעקרוט:

— און ווי איז ווען מ׳דאַרף שיסן אין אַ זייט?

— אין אַ זייט דאַרף מען ניט לערנען, — האָט זיך דער אינסטרוקטאָר צעלאַכט, — אין אַ זייט שיסט זיך שוין אַליין...

אַבי זיי ליגן

— ניט אַלע נאַציס, — זאָגט אַ איד, ווינטש איך צו ליגן אין דר׳ערד.

— ס׳הייסט?

— די וועלכע פירן שיפן און סובמאַרינען מעגן ליגן אין וואַסער...

זיי האָבן צו דערציילן

שמועסן צווישן זיך צוויי נאַצישע פרויען. זאָגט איינע:

— איך האָב היינט געקראָגן אַ בריוו פון מיין מאַן, ער ליגט אין די טרענטשעס.

— און איך, — זאָגט די צווייטע, — האָב געקראָגן אַ בריוו פון אַ פריינט, אַז מיין מאַן ליגט אין שפּיטאָל.

רופט זיך אָן אַ דריטע:

—איך האָב געקראָגן אַ טעלעגראַמע פונעם „פּירער״, אַז מיין מאַן ליגט אין אייביגער רו...

אַ פאַסקודנער חזיר

אַ מאַמע האָט געבראַכט צום געבורטסטאָג פון איר קינד אַ מתנה — אַ שפּאָר־קאַסע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ חזיר מיט אַ היטלער־קאָפּ.

— נאַדיר, קינד מיינס, — זאָגט די מאַמע, — אַ מתנה, און יעדעס מאָל, ווען דו קריסט אַ דאַים, וואַרף אַריין אַ ניקל און שפּאָר זיך אָפּ אויף עפּעס.

דאָס קינד האָט באַטראַכט דעם חזיר מיט דעם שפּאַלט אויף היטלער׳ס קאָפּ און זאָגט צו דער מאַמען:

— ניין, מאַמע, איך וועל אָט דעם חזיר ניט געטריען אַפילו אַ פּעני!...

ער וואַרט אויף אַן אָרדער

נאָכדעם ווי אַן עראָפּלאַן האָט אַרונטערגעקראַכט עטלעכע באָמבעס איבער אַ דייטשער פאַבריק, פרעגט איין נאַצי אַ צווייטן:

— הער, לעמל, ביסטו טויט?

— איך ווייס ניט, — קרעכצט דער צווייטער נאַצי אַ שווער־פאַרוואונדעטער, — וואָס זאָגט דער „פירער״?...

דער ריכטיגער הונט

— איר הערט, ווי קלוג ס'איז מיין הונט, — באַרימט זיך אַ פרוי, — ווען מ'זאָגט אים היטלער פאַנגט ער אָן צו בילן.

— אַזוי, — זאָגט אַ צווייטע, — איז שוין מיין הונט קליגער, מ'זאָגט אים מוסאָליני, פאַנגט ער אָן צו בילן און אַנטלויפט...

ס'וועט זיין ביטער

— וואָס וועט מען טאָן, אויב עס זאָל באמת ווערן אַ מאַנגל אין צוקער?

— וואָס טויג דיר רעדן, אָן צוקער וועט זיין ביטער...

זי וויל זען . . .

טענה'ט אַן עלטערע בלינדע פרוי: איך וואָלט כאָטש איינמאָל געוואָלט זען, ווי עס זעט אויס אַ „בלעק־אויט״...

זי שפּאַרט זיך ניט

אַן איטאַליענישע פרוי איז געלעגן געוואָרן מיט אַ דריילינג. נאָך אַן אונטערזוכונג פונעם דאָקטאָר איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַלע דריי זיינען שוואַכזיניג, ס'הייסט אידיאָטן.

די מאַמע האָט זיי אַ נאָמען געגעבן: היטלער, מוסאָליני און מיקאַדאָ.

איין טאָג קומט דער דאָקטאָר באַזוכן די מאַמע מיט די קינדער, דערציילט די מאַמע דעם דאָקטאָר, ווי זי האָט זיי אַ נאָמען געגעבן: היטלער, מוסאָליני און מיקאַדאָ.

— אָבער, — שרייט אויס דער דאָקטאָר, — זיי זיינען דאָך אַלע דריי אידיאָטן.

— איך שפּאַר זיך דען מיט אייך? — זאָגט פאַרטרויערט די מאַמע.

זאָרגט זיך פאַרן „פירער“

— וואָס זאָגסטו עפּעס פאַרן טויט? — פרעגט איין נאַצי אַ צווייטן, וועלכער ליגט אין פעלד שווער פאַרוואונדעט.

— זאָג אונזער „פירער“, — קרעכצט דער פאַרוואונדעטער, — אַז מיר וועט שוין באַלד זיין גוט, איך בין שוין מיינס באַלד איבערגעקומען, אָבער ער, ער... — — —

האָט מורא צו רעדן

— האָסטו עפּעס צו זאָגן פאַרן טויט? — פרעגט די קראַנקן־שוועסטער אַ פאַרוואונדעטן דייטשן סאָלדאַט.

— ניין! איך וויל נאָך לעבן...

ווער איז בעסער?

— אין וועלכן לאַנד פון די עלאַיִם גיט מען דאָס בעסטע עסן? — פרעגט אַ רומענישער סאָלדאַט ביי זיינעם אַ קאָלעגע.

— אנטקעגן וואָס פאָלט דיר דאָס איין צו וויסן?

— איך טראַכט וואו ס׳לוינט זיך בעסער אריינצופאַלן אין פּלען...

ער פאַרשטייט שוין!

— זאָג מיר, — פרעגט דער עלטסטער זיינעם אַ סאָלדאַט, — דו שטייסט אויף דער וואַך, נאָר מיט אַמאָל דערזעסטו פאַר זיך אַ נאַצי און אַ פאַשיסט, וועמען פון זיי וואָלסטו פריער דערשאָסן?

דער סאָלדאַט צעלאַכט זיך:

— פריער איינעם, דערנאָך דעם צווייטן!

שלום

— איך טראַכט אַלץ, ברודערל, — זאָגט אַ איד פאַרזאָרגט, — וואָס וועט זיין אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה?

— ס׳הייסט וואָס? — זאָגט ארויס אומשולדיג דער צווייטער — שלום!

זיי וואַרטן . . .

— ביי אונז, — קלאָגט זיך אַן איטאַליענער פאַר זיינע קאָלעגן, — האָט מען שוין געשניטן די שפּייז אין העלפט.

— און ביי אונז, — זאָגט אַ רומענער, — האָט מען געשניטן די וואָך אויף העלפט: דריי טעג גיט מען עפּעס עסן און פיר טעג רוט דער מאָגן.

— און ביי אונז, — זאָגט אַ דייטש, — עסט איינער און די אַנדערע וואַרטן פאַרן אָרדער...

אַ קלייניגקייט — אַזאַ מהלך

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? — פרעגט אַ נאַצי־אָפיצער ביי זיינעם אַ סאָלדאַט,—זע ווי טיף מיר האָבן זיך שוין געהאַט אַריינגעריסן אין רוסלאַנד.

— יאָ, — זאָגט מיט אַ זיפץ דער סאָלדאַט, — טאַקע דאָס טראַכט איך: וואו וועלן מיר דאָס נעמען אַזויפיל כוחות צו לויפן צוריק?...

וועןן מ׳האָט די נאַצים מושטירט פאַר סאָלדאַטן האָט מען זיי געלערנט „גוז־סטעפּס", צו שפּאַנען ווי די גענז. איצט, אויף צו אַנטלויפן פון פראָנט, האָבן זיי זיך, ווייזט אויס, אויסגעלערנט „האָז־סטעפּס" — זיי אַנטלויפן ווי די האָזן, ס׳הייסט — די וועלכע קאָנען נאָך לויפן...

וואָס מיר פיש? . . .

— זעט, — פרעגט אַ קאָסטימער ביים וועיטער אין רעסטאָראַן, — וועט כאָטש אייער געפילטע פיש ניט פאַרשאַטן?

— וואָס רעדט איר? — פאַרזיכערט דער וועיטער, — וואו האָט איר געזען, אַז געהאַקטע חלה זאָל פאַרשאַטן?

שוין וואַסער אויך?

— ווי קומט דאָס טאַקע, — פרעגט דערשטוינט אַ קאָסטימער ביים רעסטאָראַטאָר, — וואָס איר גיט אַזוי ווייניג זופּ אין טעלער?

— ס׳הייסט, איר ווייסט ניט? „רעישאָנינג"!

— יאָ, „רעישאָנינג, פליייש איז „גערעישאָנט", אָבער וואַסער — האָט מען נאָך דערווייל ניט „גערעישאָנט"?...

מ'זאָגט, אַז איבער אַ הון מיט אַ האָן איז חרוב געוואָרן די שטאָט ביתר. אין דער צוקונפט וועט מען זאָגן, אַז צוליב אַ גאַנדזטראָט („גוז־סטעפּ") איז חרוב געוואָרן די שטאָט רוים.

אַז מ'שמירט — פֿאָרט

— ווי קומט עס וואָס די ברויט איז אַזוי אַלט ביי אייך אין רעסטאָראַן?
— ווייל מ'שמירט ניט קיין פּוטער.
— טאָ פאַרוואָס גיט איר טאַקע ניט קיין פּוטער?
— הערסט אַ געשיכטע, אַז מ'וועט שמירן פּוטער וועט דאָך די ברויט קיינמאָל ניט אַלט ווערן...

ער לויפט אַהיים

— שוין נעענטער ווי ווייטער, — טרייסט זיך אַ נאַצי־סאָלדאַט לויפנדיג פון סאָוועטישן פראָנט.
— וואָס מיינסטו?
— איך מיין, מיט יעדן טאָג דערנעענטער איך זיך אַהיים...

דער גרויסער „העלד"...

— מיין פאָלק סאָלדאַטן, — גרויסט זיך אַ נאַצי, — האָט אויסגעפאָלגט היטלער'ס באַפעל און זיך געשלאָגן ביזן לעצטן נאַצי.
— טאָ ווי אַזוי קומסטו דאָ?
— ווייל איך בין פון די וואָס האָבן אַכטונג געגעבן, אַז דער באַפעל זאָל דורכגעפירט ווערן.

דער באַגריף פון נייעס אין אַמעריקע איז: ווען אַ הונט בייסט אַ מענטשן איז עס קיין נייעס ניט, אָבער ווען אַ מענטש בייסט אַ הונט — דאָס איז נייעס. די נגלע פרעסע האָט אָבער אַ מיטל — זי מאַכט פון אַ מענטשן אַ הונט און פון אַ הונט אַ מענטשן, און ס'ווערט נייעס.

אַ ציגן-צייטונג

אַ אינגעלע איז געשטאַנען לעבן בראָנקס „זו", געריסן שטיקלעך פון אַ געלער צייטונג און געקאָרמעט אַ ציג.

אַ פרוי, וועלכע האָט דאָס באַמערקט, האָט זיך צעלאַכט צו איר מאַן:

— דו זעסט, די ציג וועט באַלד זיין אַזוי „קלוג" ווי דו, ווייל זי קייט שוין אויך די שונד־צייטונג...

ס׳איז אַ ווייטאָג

— עס, קינד! — שטופּט אַ מאַמע מיט געוואַלד דאָס עסן צום קינד אין מויל אַריין.

— איך וויל מער ניט! — שרייט דאָס קינד.

— וואָס מיינסטו, דו ווילסט ניט? יעדער ביסן קאָסט געלד. עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ אַרויסוואַרפן.

— נו, שרייט דאָס קינד, — און אַז מיר וועט ווי טאָן דער בויך, וועט זיין בעסער?...

אויפן ריכטיגן פּלאַץ

היטלער איז געקומען באַזוכן עטלעכע פון זיינע גענעראַלן אין אַ משוגעים־הויז, וואו זיי האָבן זיך געפונען.

ווען זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך היסטעריש צעלאַכט:

— זאָרג זיך ניט, פירער, — האָט איינער אויסגערופן, — די באָלשעוויקעס האָבן דיר אַרויסגעטריבן פון זייער לאַנד, אָבער ניט געזאָרגט, ביי אונז, פירער, קאָנסטו דאָ זיין און זיך פילן ווי אין דער היים...

„פּויזן-אַיווי"

פרעגט אַ טיטשערין אירע קינדער, שפּאַצירנדיג מיט זיי אין אַ פּאַרק:

— ווי וואָלט איר דאָס אָנגערופן, אַזאַ ווילדע פלאַנץ פון דריי סמ׳איגע בלעטלעך, און אַז מ׳רירט זיך צו צו דעם האָט מען זיך צו קראַצן?

— איך וויים, — רופט אויס דזשאַני, — דאָס זיינען די בלעטלעך פון הוירסט, מעקאָרמיק און פעטערסאָן...

ווען . . .

— ווען מיין מאַן גיט אויף מיר אַזוי אַכטונג ווי אויף די בלומען, וואָלט איך אויך געבליט.

— געוויס, אָבער די בלומען באַניסט דיין מאַן אין דער ערד...

אַ רו־פּלאַץ

— איך בין היינט אַרוים פון טעאַטער אַ באַנייטער, אַ לעבעדיגער, אַן אָפּגעפרישטער.
— אַזאַ גוטע פאָרשטעלונג?
— וואָס מיר פאָרשטעלונג! ס׳איז מיר שווער געווען צו קריגן אַ האָטעל צום שלאָפן, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין טעאַטער...

מילך און האָניג

— ברודערל, בין איך היינט אויסגעגאַנגען מיט אַ מיידל, איז דאָס געווען מילך און האָניג!
— דו? מיט אַזאַ פאַרשוין?
— וואָס מיר פאַרשוין? וואו איך בין מיט איר אַריין אין אַ רעסטאָראַן, האָט זי געבעטן מילך מיט האָניג, ווייל זי איז פאַרקילט און הייזעריג...

אַ מבין

— נו, וואָס זאָגסטו ניט אויף מיין יונג ווייבל?
— זייער פיין, אָבער האָסט דאָך שוין קיין גאַנצן גליד ניט אין זיך?
— אָבער אַ מבין בין איך?...

ער וועט דאָס בעסער מאַכן

— הערסט, מיין פריינט, ווען דו וועסט שטאַרבן וועל איך האָבן וועגן דיר צו זאָגן נאָר לויב־ווערטער.
— אפשר וואָלט דאָס זיין פאַרקערט, — זאָגט דער פריינט, — ווייל אַ ליגנער בין איך אַ גרעסערער...

אפשר?

— ווען דו קומסט אַהיים, זעסטו אוים אַזוי ביטער, אַז איך פיל פּשוט שלעכט פון דעם.
— איך גלויב, עס וואָלט געווען אַ סך בעסער ווען איך קום ניט אַהיים, דאַן וואָלטן מיר ביידע געפילט בעסער...

קלייניגקייטן . . .

— וואָס טומלט זיך אַזוי גאַנצע אָוונטן ביי אייך אין הויז ?

— איבער קלייניגקייטן...

— וואָס הייסט ?

— איך וויל אַז מיין מאַן זאָל בלייבן מיטן קליינוואַרג אין הויז, און ער וויל — איך זאָל בלייבן...

עפּעס אַ צייכן . . .

— ווי דערלויבט איר דאָס, אַז דאָס קינד זאָל מיט זיינע הענטעלעך אַזוי פאַרשמירן די קונסט-בילד וואָס איך האָב פון אים געמאַכט ? — האָט זיך באַקלאָגט דער מאָלער.

— וואָס הייסט, — שפּאַסט די מאַמע, — זאָל כאָטש זיין אויפן בילד עפּעס אַ צייכן פון מיין קינד...

אַ רחמנות

— וואָס זיינען געווען אייערע מאָטיוון מיט דעם דערמאָרדען אייער פרוי ?

— רחמנות צו איר, הער ריכטער.

— מאַכט קלאָר.

— עס איז געווען אַ רחמנות אויף איר, ווי זי האָט זיך געפּלאָגט מיט אַזאַ מאַן אַ שלים-מזל ווי איך...

ער זעט ניט בעסער . . .

— וואָס האָט אייך געמאַכט צו וואַרפן אַ שטול אויף אייער פרוי ?

— קורצזיכטיגקייט. איך האָב קיין אַנדער זאַך ניט געזען פאַר מיינע אויגן...

אַן אַלטער מיטל

— פונוואַנען זעסטו דאָס, באָבעניו, ווען עס קלייבט זיך אָנקומען אַ רעגן ? האָסטו דאָס אַזעלכע גרויסע אויגן ?

— ניין, קינדעלע, הינער-אויגן...

דער גרעסטער אָרעמאַן וואָלט ניט וועלן מ'זאָל אים גיסן גאָלד אין האַלז.

די רייכסטע הויז אויפן לייוונט פּאַרמאָגט ניט קיין אויוון אין הויז...

דורך אַ שוועבעלע אין שפּיגל קאָנט איר ניט אָפּברענען די האַנט...

אַפילו אַ שפּיגל קאָן ניט אָפּשפּיגלען גאָרניט.

ברויט אין שוי־פענצטער קאָן ניט שטילן קיין הונגער.

אַ גומילאַסט קאָן זיך אויך ג ר ו י ס ן . . .

פאַראַן מענטשן, וועמען עס נעמט אַ יאָר צו ענטפערן אַ גוט־מאָרגן...

מ'קאָן דערקענען אַ מענטשן ביים טרינקען און אויך ביים געבן אַ טרונק...

די לאָך מאַכט דעם בייגל.

ווי ניט אנגענעם עס זאָל איינעם ניט זיין צו האָבן אַ בראָדעווקע אויף דער נאָז, פונדעסטוועגן וועט ער ניט דערלאָזן אַ צווייטן די בראָדעווקע אַ ריס צו טאָן...

רעדן איז זילבער און שווייגן איז גאָלד — אַ קלוגער רעדנער קאָן אָבער פון זילבער מאַכן גאָלד...

אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער האָבן געשריבן וועגן סעם ליפּצינ׳ס ביכער:

מ. אָלגין (אין דער „מאָרגן־פרייהייט״):

„סעם ליפּצין (אָנקל סעם). שאַפּ-אַרבעטער. איינער פון די באַליבטסטע פאָלקס-דערציילער און פאַרוויילער אויפן פּראָלעטאַרישן פראָנט. אַ פּראָלעטאַריער לויט זיין אָפּשטאַמונג, אַ רעוואָלוציאָנער לויט זיין וועלט-אָנשויאונג, אַ יוניאָן-טוער אין משך פון יאָרן, האָט זיך סעם ליפּצין גענומען אויספילן די פונקציע פון באַאיינפלוסן די מאַסן אינעם קלאַסן-גייסט דורך די מיטלען פון פעליעטאָנען, בילדלעך, שטיפּע-רייען, לייכטע לידלעך, מאָנאָלאָגן, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט ערלעכן און גערעכטן האַס צו די אונטערדריקער און מיט נאַטירלעכער ליבשאַפט צו די אונטער-דריקטע. סעם ליפּצין האָט אַריינגעטראָגן זיין אייגענעם זשאַנר אין זיין שרייבן. ער איז ניט קיין אימיטאַטאָר. ער איז עכט. די מאַסן האָבן זיך אָפּגערופן. עדות — די גרויסע פאַרשפּרייטונג פון העכער אַ צענדליג ביכער און ביכלעך פון סעם ליפּצין.״

פּ. נאָוויק (אין זיין באַגריסונג, מאַי דעם 2טן, 1942):

„. . . איר, אַן אמת׳ער פאָלקס-שרייבער, האָט דעם יום-טוב האַרציג פאַרדינט. די קאָמפּלימענטן, וואָס ווערן אייך געגעבן, זיינען כשר פאַרדינטע — צוזאַמען מיט דער קריטיק. דאָס פאָלק האָט שוין לאַנג געגעבן זיין אורטייל איבער אייער שרייבן דורך העלפן אייך אַרויסגעבן 14 ביכער, דורך ל י י ע נ ע ן די ביכער.

„. . . איך האָב אַלע מאָל געזען און געפילט אין אייך דעם געטרייען אַרבעטס-מענטשן, וואָס וויטאָגט כסדר איבער די עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען געגן דעם אַרבעטער, וויטאָגט מיט אַ וויץ אויף די ליפּן, מיט אַ שמייכל, און וואָס האָט אין די שווערסטע מאָמענטן ניט פאַרלאָרן די זיכערקייט אין דעם זיג פונעם אַרבעטער-פאָלק.

„אייער איצטיגער בוך „קריג און זיג״ איז, חוץ אַנדערע זאַכן, אַ באַווייז, אַז ניט געקוקט אויף אייער שוואַכן געזונט האָט איר ניט פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט דער צייט, גייט אין די ערשטע רייען פון די קעמפער געגן דעם שונא פון אַמעריקע, געגן דעם שונא פון אידישן פאָלק — געגן דעם פאַשיזם. איר זייט אַ ל ע ב ע-ד י ג ע ר פאָלקס-שרייבער, אין וועמענס אַרבעטן עס קלאַפּט דער פּולס פון דער צייט. אַ שרייבער, וועגן וועמען מען קאָן ד אָ ס זאָגן, מעג זיך באמת איבערנעמען.

„אָבער איך וויים, אַז איר וועט זיך נ י ט איבערנעמען, נאָר איר וועט זיך גיין אייער וועג. און אייער וועג איז — דינען, אויף אַ באַשיידענעם אופן, דינען דעם פאָלק מיט אַלע מיטלען, וואָס איר פאַרמאָגט.״

ב. פענסטער (אין „סיגנאַל״):

„די פּאָפּולאַריטעט פון סעם ליפּצינ׳ס ביכלעך באַווייזט אונז — צי דאַרף מען דאָס נאָך באַווייזן? — אַז ניט קיין בעסער-געבונדענע ביכער נאָר זיין בעסער אויס-געבונדן מיט די מאַסן, מיט דער סביבה פאַר וועלכער מ׳שרייבט, איז דער וועג, דורך וועלכן פּראָלעטאַרישע שרייבער קאָנען דערגרייכן מיט זייער וואָרט די מאַסן.״

דר. א. מוקדוני (אין „מאָרגן־זשורנאַל״):

„סעם ליפּצין איז אָבער אַריין אין פּאַרטייאישן לעבן מיט אַלע זיינע חושים און האָט די פּאַרטיי-מלחמות פאַרפאָלקסטימלעכט. ער האָט פון זיי אַראָפּגענומען די טיף-טעאָרעטישע הויט און האָט זיי געגעבן אַ לייכטע פאָלקסטימלעכע בייזקייט, וואָס איז אַ סך ליבער, נעענטער און טייער צום האַרצן. „ניטגעדאַיגעט״ הייסט דאָס בוך, און איך האָב באמת ניט קיין ביסל דאגה אויף אַ רפואה אין דעם דאָזיקן בוך ניט געפונען. האָפערדיג, זיכער, גלויביג און צופרידן זיינען די מענטשן אין בוך, און דער מחבר, וואָס פירט זיי אַרויס. בין איך זיי מקנא די גרויסע זאָרגלאָזיגקייט.״

משה כץ („מאָרגן־פרייהייט״, מאַי דעם 2טן, 1942):

„מיט וואָס צייכנט זיך אויס סעמ׳ס שרייבן? קודם כל מיט זיין אויפגעלעבט-קייט, מיט זיין אָפּטימיזם, מיט זיין קלאָרן ציל אַרויסצורופן אַ מוטיגן אָדער אַ טראַציגן שמייכל אויף אַ פאַרהאָרעוועטן פּנים . . . די גאַנצע ריי נעמען ביז דעם לעצטן: „קריג און זיג״, דערציילט וועגן איין איינציגער גרונט-שטימונג, וועגן איין ליניע אין לעבן, וועגן אַ מענטש, וואָס בייגט ניט דעם קאָפּ און איז גרייט שטענדיג צו לאַכן. . . . אַזוי איז געווען מיט 20 יאָר צוריק, ווען עס איז

אַרויס פון דרוק זיין ערשטער בוך „אויף לייטיש געלעכטער", — אַזוי איז עס אויך איצט, ווען ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך פול מיט ברען פון אונזער צייט אונטערן נאָמען „קריג און זיג". . . . מיר דאַכט זיך, אַז ליפּציג'ס געלונגענסטער זשאַנר זיינען די מאָנאָלאָגן . . . אין זיינע מאָנאָלאָגן רעדט סעם ליפּצין מיט דער נאַטירלעכער שפּראַך פון דעם פּראָלעטאַריער-שרייבער.

„עטוואָס אַנדערש איז ער אין זיינע הומאָרעסקעס. מיר איז שוין ניט איינמאָל ביי אַנדערע געלעגנהייטן אויסגעקומען אָנצואווייזן, אַז ליפּצין האָט אַ שאַרף אויג און קאָן באַמערקן אמת-קאָמישע סיטואַציעס אין געוויינטלעכסטע אומשטענדן, וואו אַן אַנדערן וואָלט גאָרניט איינגעפאַלן זיי צו זוכן.

„. . . סעמ'ס איינאַקטערס זיינען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר קלובן: זיי זיינען לעבעדיג, פאַרשפּיצט, סאַטיריש און צייטמעסיג . . . סעמ'ס לידער אויף פּאָפּולערע מאָטיוון האָבן אַלע מעלות פון זיין שרייבן: זיי זיינען פּשוט, לעבעדיג, זינגעוודיג, לאָזן זיך לייכט איבער'חזר'ן און זיינען צוגעפּאַסט פאַר אַ גרויסן עולם."

גינאַ מעדעם (אין איר באַגריסונג, אַפּריל 30טן, 1942):

„. . . ווען איך האָב געלייענט אייער פאַרכאַפּנדיגע, אין איר אומדערוואַרטקייט, איבעררשנדע הערלעכע זאַך: „מיין בלוט פאַר די קעמפער" (אינעם בוך „קריג און זיג"), האָט מיר פּשוט פאַרכאַפּט דעם אָטעם . . . און דער פאַקט, וואָס דער עולם דערוואַרט פון אייך שטענדיג אַ געזונטן הומאָר, אַ וויץ, אַ פריילעכע „גאַספּל", מאַכט די איבעררעשונג נאָך גרעסער. אייער טראַגיש-ערנסט געהויבענע מתנה איז אַ הויך-קינסטלעריש ווערק.

„. . . איך ווינטש אייך דאָס גאַנצע גליק, וועלכעס איר פאַרדינט, טייערער חבר ליפּצין. לייענענדיג אייער מאָנאָלאָג קאָן מען זען, ווי איר ווערט בלאַסער און בלאַסער, ווי עס פליסט אייער ביסל בלוט. עס איז גוט, זייער גוט געשריבן: מיט בלוט!..."

מ. ראַטושני („די פאָלקס-שטימע", אַרגענטינע, אַפּריל 18, 1943):

„סעם ליפּצין, וועמענס באַליבטער פּסעוודאָנים איז „קוועקזילבער", איז פאַר אונז ניט קיין פרעמדער נאָמען. עס האָט שוין לאַנג פון צפון-אַמעריקע קיין דרום-אַמעריקע אַריבערגעקלונגען זיין הילכיגער, לעבעדיגער און לוסטיגער געלעכטער, וואָס איז געווען „געקעמפּט און געלאַכט".

„צעלאַכעס די טרערן" איז דער נאָמען פון דעם 15טן ביכל מיט אָריגינעלן הומאָר, וואָס ליפּצין האָט אַרויסגעבראַכט צו דער ליכטיגער שיין. דער מחבר מאַכט אַ ווערטער-שפּיל און רופט עס צע-לאַכ-עס די טרערן", ווי ער וואָלט אונז געגעבן די פאָרמולע ווי אַזוי די טרערן צו צעלאַכן, פאַרוואַנדלען אין געלעכטער. „צעלאַכעס די טרערן" איז אַ זאַמלונג פון דראַמאַטישע סצענעס, מאָנאָלאָגן, פעליעטאָנען, שטימונגען, פאַרצייכענונגען, מעשה'לעך און „פען-שטיפעריען", ווי ער רופט זיי.

„ער איז אי שלום-עליכמ'דיג, אי „טונקעלערדיג", אי אייגנאַרטיג „קוועקזילבערדיג", מיט אַזעלכע איינפאַלן ווי: „אַ דאַך אויפן קאָפּ איז שלעכט; אָבער אַ דאַך איבערן קאָפּ איז ניט שלעכט". ביי אַזעלכע שטעלן ווייזט ער אַרויס אַ שלל מיט פאָלקסטימלעכקייט אין דער שפּראַך און אַמכאָדיגקייט אינעם סאָציאַלן אויסטייטש פון די הומאָריסטישע איינפאַלן. ער איז איינער פון די פלינקסטע און שאַרפזיניגסטע פעליעטאָניסטן אויף אידיש ביי אונז זינט שלום-עליכמ'ען. כ'וואָלט זאָגן, אַז ער איז באַלד אַזוי אוניווערסאַל אין די הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען, אַז זיין מאָנאָלאָג „גוואַלד, מיינע קאָרטלעך", וואָלט מען געמעגט אָננעמען פאַר אַ בוענאָס-איירעסדיגן, לעבן דער בוראָ פון נאַפט-פּאַרטייל, אָדער די איבעריגע זאַכן, צווישן וועלכע עס רירן ממש ביז טיפסטער עמאָציע דער „לודמילאַ, דאַוואַי רוטשקו", „דער ערשטער מאַי וועט קומען, אָדער דאָס קינדער-מעשה'לע „דער וואָס לאַכט דער לעצטער". נעמט אַראָפּ די אַנגליציזמען און לאָקאַליזמען און איר בלייבט ביי אַ מין קלאַסישן הומאָריסט פון דער צאַפּלדיקער געגנוואַרט. דער איינאַקטער „טאַנקען" אָטעמט ניט נאָר מיט הײַנט, נאָר אויך מיט נאָענטן און וויטן ליכטיגן מאָרגן.

„דער עיקר, גיבן מיר צו, ער איז אַן עכטער פאָלקס-דיכטער, ווייל זיין הומאָריסטיש און סאַטיריש אויפנעמען דאָס וואָס דאָס פּראָלעטאַרישע און בכלל יידישע מאַסן-לעבן, גיט ער איבער אין די האַרציגסטע ניואַנסן פון פאָלקסטימלעכער וואָרט-געשליפנקייט, געזאַנג, עמאָציע און פרייד."